STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05580

IDISH FAR ONFANGER

Baruch Ostrovsky

*Permanent preservation of this book was made possible
by Andor & Marlene Fleischman
in honor of
their children, Nina, Paul & Kira*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. אָסטראָווסקי
ש. הורוויץ
(זאָלקעס)

איִדיש

פאַר אָנפאַנגער

ב.

אילוסטרירט. פון נ. קאָזלאָווסקי

אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „פאָלקס שול"

הויפּטפאַרקויף:

מ. נ. מייזל, 424 גרענד סט., נ. י.

The following goods short on
this order.

Copyrighted by
[illegible]. OSTROVSKY & S. HURWITZ
1927

אין שול אַריין



ראַסטיק, לאַסטיק
צי זיך אויס,
טו זיך אָן באַלד —
גיי אַרויס!

ווײַל דער טאָג דאָך
האַלט שוין ווייט,
טאַנצט און פֿילדערט
שוין אַ צייט.

שוין דער פֿאַסטוך
ביי די פֿי;
זון ביי בערגלאַך
אויף די קני.

טוי אויף בלומען
פֿונם סאָד,
הימל-בלוי און
גרויסע ראָד.

שול — שוין אָפֿן,
טויער, טיר,
און דיין חבר
וואַרט אויף דיר.

אין שול

די מאַמע טוט אָן רחלען אַ ווייס-געהעפּטע קלײדעלע, און פירט זי צום ערשטן מאָל אין שול אַרײַן.

אויפן הויף פון דער שול זײַנען שוין דאָ אַ סך, אַ סך קינדער. די גרעסערע קינדער שטיפן. אײַנגלאַך קלעטערן אויף די סלופּעס און אויפן פּאַרקאַן. די מיידלאַך, מיט די ביכער אונטער די אָרעמס, שמועסן צווישן זיך. די קלענערע קינדער שטייען לעבן זייערע מאַמעס און זייערע יונגע הערצלאַך קלאַפּן.

רחלע האָט דערזען אַזוי פיל קינדער, איז זי פריילאַך געוואָרן. אירע בעקלאַך האָבן גענומען פלאַמען און ווי אַ ציגעלע איז זי צוגעשפּרונגען צו אייניקע פון אירע אַלט-באַקאַנטע חברטעס.

באַלד איז די לערערן צוגעקומען און האָט אָנגענומען רחלען פאַר אַ הענטל. אין רחלעס אייגלאַך האָט אַ בליץ געטאָן אַ פּיערל און זי האָט זיך זייער פאַרשעמט.

רחלע האָט שוין לאַנג געחלומט צו זיין אין דער שול, וואו מע לערנט לייענען און שרייבן און אַלערליי שיינע לידעלאַך. און אָט איז זי איצט אין דער שול. מען שטעלט זי אין איין שורה מיט אַלע מיידלאַך. זי פילט, אַז זי איז שוין אַ מענטש,

ווייל זי איז אַריין אין דערזעלביקער שול, וואו אַלע גרויסע מיידלאַך לערנען.

די ריי פון די קינדער רירט זיך. די לערערן גייט פאָרויס, פירט די קינדער אַרויף אויף די טרעפּ פון דער שול.

רחלע גייט מיט. זי פילט זיך אַזוי גוט און שרייט אויס צו דער מאַמען: — „קום ניט נאָך מיר, מאַמע, איך וועל אַליין קומען פון שול אַהיים!“

און רחלע האָט טאַקע אַליין געטראָפן ד'עם וועג אַהיים.

אויף מאָרגן אין דער פרי איז רחלע אויפגעשטאַנען און איר ערשטער געדאַנק איז געווען וועגן דער שול.

דאָס קינד האָט זיך גענומען איילן אין שול אַריין.

— עס איז נאָך פרי, רחלע, — זאָגט די מאַמע, — דו קענסט נאָך שלאָפן.

רחלע איז שוין אָבער ניט געשלאָפן. זי האָט זיך אָנגעטאָן, געבעטן מען זאָל איר פאַרקאַמען און גאַנצע צוויי שעה איז זי אָפּגעזעסן און מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער מינוט, ווען מען וועט איר זאָגן: — „נו, רחלע, איצט איז שוין צייט צו גיין!“

און רחלע טראַכט, ווי גוט עס איז! מען שיקט איר און זי מוז גיין אין שול, פונקט ווי דער פאַפאַ מוז גיין צו דער אַרבעט. זי מוז זיך

אָנטאָן פריער ווי איר קליין שוועסטערל, זי מוז אָפּעסן פריער פון איר. די מאַמע מאַכט פון רחלען אַ גאַנצן פּאַראַד. רחלע איז אַ גאַנצער מענטש און דאָס טוט איר שטאַרק הנאה.

מאַרש

איינס און צוויי
און דריי און פיר.
וואָס מיר זיינען,
זיינען מיר!

ווי די העלדן
דאַרף מען גיין!

פינף און זעקס
און זיבן, אַכט,
נישט געוויינט
און נישט געלאַכט.

כאָטש מיר זיינען
יונג און קליין,

מאַרש, מאַרש, געגאַנגען.
מיט פּויקן און געזאַנגען!
מיר דאַרפן נישט פרעגן,
מיר ווייסן די וועגן.

ניין און צען
און עלף און צוועלף
טרעפסט אַ פּויער —
זאָג: גאָט-העלף!

טרעפסט אַ פייגל —
זאָג אים: פלי!
טרעפסט אַ בלימל,
זאָג אים: בלי!

מאַרש, מאַרש, געגאַנגען.
מיט פּויקן און געזאַנגען!
מיר דאַרפן נישט פרעגן,
מיר ווייסן די וועגן.

צוויי מאָל צוויי איז פיר

1

בערעלע איז געגאַנגען אינדערפרי אין שול. די מאַמע האָט אים מיטגעגעבן אַ שטיקל ברויט מיט פוטער, אַ פלעשל מילך און פיר עפל. דאָס אַלץ האָט זי אים אַריינגעלייגט אין אַ זעקעלע.

די שול איז געווען ווייט הינטער אַ וואַלד. אין זעקעלע איז געווען אַ לאָך, זיינען די פיר עפעלאַך אַרויסגעפאַלן

אין דעם זעלביקן פרימאָרגן זיינען אַרויסגע-גאַנגען שפּאַצירן אַ העזעלע מיט אַ וועווערקע. האָבן זיי געפונען די פיר עפּל.

האָבן דאָס העזעלע מיט דער וועווערקע אָנ-געהויבן טיילן צווישן זיך די פיר עפּל. העזעלע האָט זיך געוואָלט באַרימען אַז ער קען גוט רע-כענען, האָט ער געגעבן דער וועווערקע א י י ן עפּל און זיך ד ר י י ...

— זיי מוחל, וואַרט אַביסל! האָסטו ריכטיק געטיילט? — האָט באַמערקט די וועווערקע.

איצט האָט די וועווערקע גענומען טיילן די מציאה, האָט זי געגעבן דעם העזעלע א י י ן עפּל און ז י ך גענומען ד ר י י ...

— דאַכט זיך, אַז דו ביסט אויך שוואַך אין רעכענען — האָט דאָס העזעלע געזאָגט.

לאַנג האָבן זיי געבראַכן די קעפּלאַך, געקלערט ווי אַזוי צעטיילן די מציאה, אַז איינער זאָל נישט האָבן מער פון צווייטן, אָבער זיי האָבן נישט גע-קאָנט.

2

בערעלען האָט זיך דערוויייל פאַרוואָלט עסן. נעמט ער אַראָפּ דאָס זעקעלע פון אַקסל און וויל נעמען אַן עפּעלע. זוכט ער, זוכט ער, נישטאָ.

מסתמא זיינען זיי אַרויסגעפאַלן, מען דאַרף זיך אומקערן זוכן.

לאַנג האָט ער נישט געזוכט. נעבן גראָבן האָט ער דערזען דאָס העזעלע מיט דער ווע-ווערקע.

— גוט מאָרגן איך, ליבע חיהלאַך, — האָט זיך בערעלע אָנגערופן, — האָט איר נישט גע-פונען מיינע עפּל?

— יאָ, מיר האָבן געפונען. אָבער מיר קאָנען זיך נישט צעטיילן.

— אַ גרויסע חכמה, — האָט בערעלע גע-שפּאַסט, — יעדער פון איך באַקומט צו צוויי עפּל.

— אַזוי! צו צוויי? פון וואַנען ווייסטו דאָס?

— וואָס הייסט, פון וואַנען איך ווייס? איך לערן דאָך אין שול.

— און אין שול לערנט מען דיך, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר?

— אַלץ לערנט מען אין שול, אפילו טאַנצן אויך. איך ווייס אפילו, וויפיל איז זיבן מאָל זיבן...

דאָס העזעלע האָט זיך שטאַרק געחידושט: דאָס אינגעלע ווייס אַלץ...

— איך וואָלט אויך געוואָלט באַזוכן אַ שול.

— טאָ קומט מיט מיר! — האָט בערעלע גע-זאָגט — איך גיי איצט אַהין. דער לערער וועט איך אַוועקזעצן אונטער אַ באַנק, אָבער איר מוזט זיצן שטיל און רואיק, ווייל אין שול טאָר מען נישט שרייען.

— קיין הינט זיינען דאָרט נישטאָ? — האָט געפרעגט דאָס העזעלע.

— הינט? נישטאָ קיין הינט.

דעמאָלט האָט זיך די וועווערקע מישב גע-
ווען מיטן העזעלע און נאָכדעם באַשלאָסן: —
מיר גייען אין שול!

געקומען אין שול, האָבן זיי זיך פאַרגנבעט
אונטער אַ באַנק און דאָרט שטיל געזעסן.

באַלד איז געקומען דער לערער, און די לעק-
ציע האָט זיך אָנגעהויבן:

— וויפיל איז אַכט מאָל אַכט? — האָט גע-
פרעגט דער לערער.

— מיר וועלן באַלד וויסן אַ סך זאַכן — האָט
דאָס העזעלע פריילאַך זיך אָפּגערופן צו דער וועווערקע.

דעם אויפגעזעצטן הינטל „מוציק" האָט עפּעס
דערשפּירט, אַז אין שול זיינען אויסער זיינע באַ-
קאַנטע אינגלאַך פאַראַן אויך מאָדנע געסט, —
איז ער אַריין אין שול, פּאַוואָליע זיך צוגעגנבעט
צו דער באַנק, וואו די געסט זיינען געזעסן און
איז תיכף אַרויסגעפאָרן מיט אַ בילעריי:

— האַו! האַו! האַו!

אין דער אייגענער רגע האָבן איבער די בענק
און קינדערשע קעפּלאַך זיך דורכגעריסן אַ פּאָר
פּיסלאַך, און דורכן אָפענעם פענסטער זיך גע-
לאָזט אין נאָענטן וואַלד אַריין. מוציק איז משוגע-
נערווייז זיי נאָכגעפלויגן, אָבער ער האָט זיי נישט
דעריאָגט.

— ווייסט, אַ גוטע שול, נאָר אַ הונט לערנט
זיך דאָרט, — האָט זיך נאָכדעם באַקלאָגט די
וועווערקע פאַרן העזל, אָבער דאָס העזעלע האָט
נישט געקאָנט ענטפערן פון פחד, און האָט נאָר
געמאָרגעט מיט די אויגן...

אַ אינגעלע

איך קאָן אַ קליינטשיק אינגעלע
מיט ראָזע ווייכע בעקעלאַך,
די הערעלאַך צעפּלאָסענע,
זיי הענגען ווי די גלעקעלאַך.

צעוויינט זיך ווען דאָס אינגעלע,
פאַרטרערט ער זיינע אייגעלאַך,
דערצייל איך אים אַ מעשהלע
פון ווייסע, בלויע פייגעלאַך.

אַנטשוויגן ווערט דאָס אינגעלע,
ער ווישט זיך אויס די אייגעלאַך
און וואַרט, ס'זאָלן קומען באַלד
די בלויע ווייסע פייגעלאַך.

אַ נייער חבר

אין מיטן לערנען איז אין קלאַס אויפגעשטאַנען פון אָרט איין שילער און האָט געזאָגט צום לערער: „לערער, אין פענסטער קוקט אַריין אַ אינגעלע!“

דער לערער האָט אַ קוק געטאָן אין פענסטער, און אין דערזעלביקער רגע האָט זיך באַוויזן דאָס פנים פונם אינגל, וואָס האָט אַריינגעקוקט פון דרויסן. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, און דעם אינגלס פנים איז גלייך פאַרשוואונדן געוואָרן פון פענסטער.

נאָך דער לעקציע זיינען די קינדער אַרויס אין הויף זיך שפּילן, און דער לערער מיט זיי. האָבן זיי ווידער דערזען דעמזעלביקן אינגל. איצט איז ער שוין געשטאַנען אויף דער גאַס און האָט געקוקט דורך די שפּאַלטן פון פּאַרקאַן. ער איז געווען אַ שוואַרצער, אַ חנעוודיקער, מיט געקרייזלטע האָר, נאָר אין אַלטע קליידער. דער לערער האָט זיך געלאָזט גיין צו אים — דאָס אינגל האָט זיך אָפּגעקערט און געוואָלט אַנטלויפן. דאַן האָט דער לערער צו אים געזאָגט:

— שרעק זיך ניט אינגעלע, קום אַהער! דו לערנסט זיך שוין ערגעץ וואו?

— ניין! — האָט דאָס אינגל שעמעוודיק געענטפערט.

— טאַטע־מאַמען האָסטו?

— דער טאַטע איז געשטאָרבן.

— און וואָס טוט די מאַמע?

— מיין מאַמע דינט אויף אַ שטעל.

— און דו ווילסט זיך לערנען?

— אודאי, אַזוי איז ניט גוט... — האָט דאָס אינגל געזאָגט און איז רויט געוואָרן.

— ווי רופט מען דיך?

— מאַטעלע.

האָט דער לערער געזאָגט צו אים: — „גיי, מאַטעלע, זאָג דיין מאַמען, זי זאָל דיר געבן געלט אויף ביכער און העפטן, וועסטו קומען זיך לערנען ביי אונז."

אויף דעם אינגלס פּנים האָט זיך אויף אַ מינוט באַוויזן אַ צופרידנקייט, נאָר באַלד האָט ער ווידער די אויגן אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד און געזאָגט מיט אַ זיפץ. — אַ, מיין שוועסטערל איז איצט קראַנק, גיט די מאַמע אויס איר גאַנץ פאַרדינסט אויף איר. מיין מאַמע האָט קיין געלט ניט.

— וואָס זאָלן מיר מיט אים טאָן? — האָט זיך דער לערער געווענדעט צו די שילער, וואָס זיינען דערביי געשטאַנען.

איז צוגעגאַנגען משה, דער גרעסטער תּלמיד, און געזאָגט: „לערער, מיר וועלן אים קויפן ביכער און העפטן".

— ס'איז אַ גוטער איינפאַל — האָט איינגעשטימט דער לערער.

— קינדער! ווער האָט געלט? — האָט משה געפרעגט ביי די חברים.

אַלע קינדער האָבן אָנגעהויבן שטעקן די הענט אין די קעשענעס און געגעבן משהן: ווער אַ סענט, ווער צוויי אָדער מער; באַלד האָט שוין משה געהאַט אַ פולן הויפן געלט. דער לערער האָט צונויפגעציילט דאָס געלט און דערלייגט, וואָס עס האָט געפעלט. דאָס געלט האָט ער אָפּגעגעבן משהן און אים געזאָגט: „דו ביסט געפאַלן אויף דעם איינפאַל, טאָ קויף שוין אים ביכער און העפטן!" און צום אינגל האָט ער זיך געווענדעט: „קום צו אונז אַריין, מאַטעלע, זיי אַ גוטער חבר און אַ גוטער שילער".

ווי נאָר דאָס אינגל איז אַריין אין הויף, האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פונם גלאָק.

— גיכער, גיכער, מאַטעלע — האָבן אים געאיילט די אינגלאַך.

מאָטעלע איז אַריין מיט אַלעמען אין קלאַס.

אַלעמען איז עפּעס געווען גוט אויפן האַרצן: זיי האָבן אַלע געשפּירט, אַז זיי האָבן אָפּגעטאָן אַ גוטע זאַך.

אַ גוטע נאַכט

צוגעדעקט די פּיסעלאַך —
איך ברענג דיר מאָרגן ניסעלאַך,
פרישע ניסעלאַך פון וואַלד,
זאָלסט, מיין קינד, נאָר שלאָפן באַלד.

דרימלט איין מיין קינדעלע פעסט,
קומען באַלד די ליבע געסט:
קומען, קומען אָן צופליגן,
מלאכימלאך מיט זיסע אויגן,

די פליגעלאַך פון לויטער גאָלד,
זיי האָבן שטילע קינדער האָלט,
און זיי קומען צו באַהיטן,
צו באַהיטן און באַשיצן
מיט חלומות שטילע, שיינע,
ווי עס פּאַסט פאַר קינדער קליינע.

מאַך נאָר צו די אייגעלאַך!
זיי פליען אָן, ווי פייגעלאַך,
הערסט מיין קינד, הערסט מיין קרוין,
די פליגעלאַך, זיי רוישן שוין!

זי פליען אָן, ווי פייגעלאַך.
שטיל, די אייגעלאַך פאַרמאַכט,
האָב אַ גוטע, זיסע נאַכט!

וואו זשע בין איך?

דער קליינער מנשה איז געווען אַ אינגל אַ צעטראָ־גענער. ער פלעגט אַלץ פאַרגעסן. אַלע פרימאָרגן, ביים אויפשטיין פון שלאָף, פלעגט ער זוכן זיינע קליידער, ווייל ער פלעגט ניט געדענקען, וואו ער האָט זיי אַוועקגעלייגט. ער פלעגט זיי ניט געפינען, ביז די מאַמע פלעגט אים ניט קומען צו הילף.

אַז ער פלעגט זיך שוין אָנטאָן די קליידער און די שיך, פלעגט ער אָנהויבן זוכן די ביכער און די העפטן. ער פלעגט זוכן און זוכן און ניט געפינען.

— אוי וויי! — פלעגט מנשה שרייען — ווער האָט פאַרשלעפט מיינע ביכער און מיינע העפטן?!

— אָ, דו צעדרייטער קאָפּ! — פלעגט אים אַמאָל קומען צו הילף זיין שוועסטער, — דו האָסט דאָך, דאַכט זיך, אַליין אַוועקגעלייגט דיינע ביכער אויפן פענסטער אין עס־צימער.

דערווייל פלעגט מנשה פאַרשפּעטיקן אין שול און דער לערער פלעגט זיך אויף אים בייזערן.

— וואָס טו איך פאַרט אַז איך זאָל מער ניט פאַר־שפּעטיקן?

האָט ער געטראַכט און געטראַכט און זיך דערטראַכט.

ביינאַכט, אַז ער האָט זיך געלייגט אין בעט שלאָפן, האָט ער גענומען אַ שטיקל פּאַפּיר און האָט דערויף פאַר־שריבן: „מיינע קליידער זיינען אויפן שטול, די שיך — אונטערן שטול, מיין העפט איז אין בוך, דאָס בוך איז אין

רענצל, מיין רענצל — אונטערן טיש, דער טיש — אין מיין צימער און איך אַליין בין אין בעט".

דאָס צעטעלע האָט ער אַוועקגעלייגט ביי זיך צוקאָפּנס.

אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, איז ער גלייך אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, האָט גענומען דאָס צעטל און געלייענט:

„מיינע קליידער זיינען אויפן שטול" — זיי זיינען דאָ; „מיינע שיך — אונטערן שטול" — זיי זיינען אויך דאָ; „מיין העפט איז אין בוך" — גוט! „מיין בוך איז אין רענצל" — יאָ, פאַראַן; מיין רענצל — אונטערן טיש" — ס'איז דאָ! און „איך אַליין בין... אין בעט"?

מנשה גלאָצט די אויגן און קוקט אין בעט — זי איז אַ ליידיקע! טאַפּט ער די בעט, נעמט אַראָפּ די קאָלדרע, הייבט אויף די קישן — ער איז אַליין ניטאָ.

— גוואַלד! — שרייט מנשה אויס אַ פאַרוואונדערטער,
— וואו זשע בין איך אַליין?



אַ קענגאָרעלע מיט דריי טאַשן

סע אַמאָל געווען אַ קענגאָרעלע מיט דריי טאַשן אונטערן בויך, וואָס האָט אַן אַלטע באָבעשע געהאַט. איינמאָל שפּרינגט זיך דאָס קענגאָרעלע, לויפט אויף די הויכע בערג און גע־פינט ערגעץ אין אַ שפּאַלט דריי גאָלדענע עפּל — יעדער עפּל ווי אַ קאָפּ די גרוים. אויף די הויכע בערג האָבן אַמאָל גיגאַנטן געוואוינט און זיי האָבן עס די גאָלדענע עפּל איבערגעלאָזט.

געשעט, אַז אין דעם זעלבן טאָג איז דער קיסר אַליין אויף די הויכע בערג. ער קלעטערט, קריכט און דראַפּעט זיך צום שפּיץ פון העכסטן באַרג. פון דאָרט וויל ער, דורך אַ שפּאַקטיוו, אויסקוקן זיין גאַנצע לאַנד, מיט די אייגענע אויגן זען: ווע־מען עס לעבט זיך אין זיין מלוכה גוט און וועמען שלעכט. יעדן, וועמען עס לעבט זיך שלעכט וועט דער קיניג צו הילף קומען.

באַגעגנט דער קיסר דאָס קענגאָרעלע מיט די דריי טאַשן. דערזעט די גאָלדענע עפּל און זאָגט אַזוי:

— די דריי גאָלדענע עפּל זיינען עס מיינע! דו, קענגאָרעלע איינס, האָסט זיי געפונען אויף די בערג, וועלכע זיינען אין מיין לאַנד. די בערג זיינען עס מיינע און אַלץ וואָס עס געפינט זיך אין זיי איז מיינס!

גיט דאָס קענגאָרעלע די דריי גאָלדענע עפּל

דעם קיסר אָפּ, שפּרינגט און לויפט צו דער נאָרע זיינע און דערציילט דער באָבעשע די גאַנצע מעשה.

צעבייזערט זיך די אַלטע באָבעשע און זאָגט:

— נאַרעלע דו איינס, פאַרוואָס האָסטו דעם קיסר ניט געזאָגט, אַז דו ביסט נאָך אַ קליינינקע און האָסט קיין שום רעכט אָן דער באָבעשע צו טאָן. אַנו, הויב, אייניקל מיינס, אַ פיסעלע און פאָדער ביים קיסר צוריק די דריי גאָלדענע עפּל.

און דאָס קליינע קענגאָרעלע איז ניט פויל, הויבט אַ פיסעלע, לויפט און שפּרינגט גלייך צום קיסר.

אויפן וועג באַגעגנט עס אַ קאַץ — אַ מזיק.

— קענגאָרעלע, וואוהין לויפסטו אַזוי?

— צום קיסר!

— נאָך וואָס?

דערציילט דאָס קענגאָרעלע די מעשה.

— ווילסטו, — זאָגט די קאַץ, דער מזיק, — קען איך דיר באַלייטן!

— גוט, קריך צו מיר אין ערשטן טאַש אַריין:

די קאַץ, דער מזיק, קריכט אין דער ערשטער טאַש און דאָס קענגאָרעלע שפּרינגט שנעל זיך ווייטער.

באַגעגנט עס אַ כיטרע פוקס.

— קענגאָרעלע, וואוהין לויפסטו אַזוי?

— צום קיסר.

— נאָך וואָס?

דערציילט דאָס קליינע קענגאָרעלע די מעשה.

— ווילסטו, — זאָגט דער כיטרער פוקס, — קען איך דיך באַלייטן!

— גוט, — ענטפערט דאָס קענגאָרעלע, קריך אין מיין צווייטן טאַש אַריין!

דער כיטרער פוקס קריכט אריין אין דעם צווייטן טאַש און דאָס קענגאָרעלע שפּרינגט שנעל זיך ווייטער.

באַגעגנט עס אַ לויטער טייכעלע.

— קענגאָרעלע, וואוהין לויפסטו אַזוי?

— צום קיסר!

— נאָך וואָס?

דערציילט דאָס קליינע קענגאָרעלע די מעשה.

— ווילסטו, — זאָגט דאָס לויטער טייכעלע, — קען איך דיך באַלייטן.

— גוט, רין צו מיר אין דריטן טאַש אַריין:

רינט דאָס לויטערע טייכעלע אין דריטן טאַש אַריין און דאָס קענגאָרעלע שפּרינגט זיך גאַנץ שנעל ווייטער.

קומט דאָס קליינע קענגאָרעלע צום קיסרס הויף צולויפן, קלאַפּט אין די זילבערנע טויערן, רע- ווען און זאָגט:

— אדוני קיניג, קער מיר אום די דריי גאָלדע- נע עפּל. איך בין נאָך אַ קליינינקע און אָן דער באָבעשע, זאָל לעבן, טאָר איך גאָר ניט טאָן!

צעבייזערט זיך דער קיסר (ער איז זייער אַ כעסן געווען), באַפעלט און זאָגט אַזוי:

— קנעכט מיינע און באַדינער! נעמט באַלד

דאָס קענגאָרעלע, פאַרשפּאַרט עס אין דער פינסטע־רער טורמע און זאָלן עס דאָרט די מייז אויפגריזשען!

— די מייז? — צעלאַכט זיך דאָס קענגאָרעלע — און דאָס איז וואָס?... — און ווייזט די קאַץ, דעם מזיק.

צעבייזערט זיך דער קיסר נאָך מער, צעשרייט זיך און זאָגט:

— כאַפּט דאָס קענגאָרעלע און לאָזט עס אַריין צו מיינע ווילדע גענז, גאָנערס און קאַטשקעס! זיי וועלן דאָס קענגאָרעלע אויף שטיקלאַך צע־בייסן!

און דעם קיסרס קנעכט און באַדינער האָבן דאָס קענגאָרעלע געכאַפּט און מ׳האָט עס אַריינ־געלאָזט אין קיסרס אַ פעלד, אויף וועלכן עס פּאַשען זיך אָן אַן עק ווילדע גענז, גאָנערס און קאַטש־קעס. נאָר באַלד האָט דאָס קענגאָרעלע דעם כיטרן פוקס פון צווייטן טאַש אַרויסגעלאָזט, און ווי די ווילדע עופות האָבן דעם בחור דערזען, האָבן זיי אַ ליאַרם, אַ געשריי און אַ קוויטשעריי געמאַכט, טויב צו ווערן! . . . און זיינען זיך צעלאָפן — וואוהין די פיס האָבן געטראָגן.

— פאַרברענט עס אין פייער! — האָט דער קיסר מוראדיק געשריען. נאָר דאָס קענגאָרעלע האָט דעם קאַלכאַויון מיטן לויטערן טייכעלע געלאָשן.

זעט שוין דער קיסר אַז מיטן קענגאָרעלע איז ניטאָ וואָס צו טאָן, קערט ער אום די דריי גאָל־

דענע עפּל, ליגט זי דאָס קענגאָרעלע זיך אין די טאַשן אַריין, אין יעדער טאַש אַן עפּל, איין עפּל ווי אַ קאָפּ די גרויס, און שפּרינגט אַ פריילאַכס צוריק צו באָבעשען אַוועק.

ציפּ, צאַפּ, עמערל

ציפּ, צאַפּ, עמערל!
קום צו מיר אין קעמערל,
קום אין הייזעלע צו מיר,
וועל איך עפּעס ווייזן דיר.

כ'האָב אַן אוצרל אַ שיינס,
אויף דער גאָרער וועלט נאָר איינס —
האַלט איך עס פאַר מיר אַליין
אין אַ שלאָס פון מירמלשטיין.

דאָרטן ליגט מיין פייגעלע,
אין אַ גאָלדן וועגעלע;
שלאָפט עס שטיל די גאַנצע נאַכט
מיט די אייגעלאַך פאַרמאַכט.

ווערט די זון נאָר וואַכנדיק,
כאַפּט עס אויף זיך לאַכנדיק
מיט אַ זיס געלעכטערל —
ס'איז מיין קליין ליב טעכטערל.

דאָס גאָלדענע הענדעלע

מאָטעלען האָט מען אויפגענייט אַ ניי מאַנטעלע. האָט מאָטעלע אָנגעטאָן דאָס מאַנטעלע, אַריינגעטאָן די הענטע־לאַך אין די קעשענעס און איידער די מאַמע האָט זיך אומ־געקוקט, איז ער שוין געווען אין דרויסן.

אַז ער האָט קעשענעס, דאַרף ער דאָך עפּעס אַריינלייגן אין זיי. איז ער געגאַנגען און אויפגעקליבן פון דער ערד וואָס עס האָט זיך געמאַכט: בלאָטיקע שטיינדלאַך, שטיק־לאַך ציגאַרן, קעסטלאַך פון פּאַפּיראָסן און אַנדערע גוטע זאַכן, ביז די קעשענעס זיינען פול געוואָרן. איז ער אַרום־געגאַנגען אָנגעלאָדן מיט אַלדאָס גוטס און זיך אָפּגעשטעלט ביי די פענסטער פון די קראָמען.

אַז ער האָט זיך זאַט אָנגעקוקט, איז ער געגאַנגען ווייטער. איז ער צוגעקומען צו אַ ברייטער גאַס, וואו עס פאָרן פיל פורן. דאָרט האָט ער דערזען שטיין אַ אידן מיט אַ סך גאָלדענע הענדלאַך, וואָס טאַנצן. האָבן זיינע אויגן אויפ־געשטראַלט.

וועגן די גאָלדענע הענדלאַך האָט אים שוין דערציילט זיין חבר דוד׳ל. יענער האָט זיי אַליין געזען, אפילו גע־האַלטן אין האַנט. און מאָטעלע האָט אים אַזוי מקנא געווען.

איצט זעט ער זיי אויך.

האָט זיך מאָטעלע דערפילט זייער געהויבן ביי זיך און איז צוגעגאַנגען נעענטער, אפשר וועט אים דער מאַן פון די הענדלאַך אויך לאָזן נעמען אַ הענדל אין האַנט.

מאָטעלע האָט אָנגערירט אַ הענדעלע מיטן קליינינקן פינגערל און דער מאַן האָט אים געלאָזט. האָט ער שוין גענומען אין האַנט דאָס הענדעלע, אַ צי געטאָן פאַר דער ספּרוזשינקעלע, אַזוי ווי דער מאַן טוט. און דאָס הענ־דעלע האָט געטאַנצט.

האָט מאָטעלע זיך צעלאַכט, אַוועקגעשטעלט דאָס הענ־
דעלע און גענומען ריידן מיטן מאַן וועגן אָפּקויפן עס.

— וויפיל קאָסט עס? — האָט מאָטעלע געפרעגט.

— צען סענט! — האָט דער מאַן געענטפערט.

האָט זיך מאָטעלע פארטראַכט א ווײַלע און א זאָג געטאָן:

— ווייסטו וואָס, הענדלמאַן, גיב מיר א הענדעלע און איך וועל זאָגן מײַן מאַמען, זי זאָל דיר אָפּגעבן די צען סענט.

האָט דער מאַן ניט געוואָלט. מאָטעלע האָט ווידער געטראַכט און געפונען א נײַעם פּלאַן.

— נאַ דיר מײַן נײַ מאַנטעלע און גיב מיר דאָס הענ־
דעלע!

האָט דער מאַן פריער ניט געוואָלט, נאָכדעם האָט ער מיט מאָטעלען אַזוי אָפּגעמאַכט: ער וועט געבן מאָטע־
לען א הענדעלע און מאָטעלע וועט דערווײַל איבערלאָזן בײַ אים זײַן מאַנטעלע. שפּעטער זאָל קומען מאָטעלעס מאַמע, ברענגען די צען סענט פאַרן הענדעלע, וועט ער איר צוריק אָפּגעבן דאָס מאַנטעלע.

מאָטעלע האָט באַלד דערלאַנגט דעם מאַן זײַן מאַנטעלע, געכאַפּט א הענדעלע און איז אַנטלאָפן. אַז ער איז אָפּ־
געלאָפן א שטיקל וועג, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אין א ווינקעלע, געצויגן דאָס ספּרוזשינקעלע און געקליבן נחת, ווי דאָס הענדעלע טאַנצט.

אַז ער האָט זיך אָנגעשפּילט, האָט ער א טראַכט געטאָן, אַז מען דאַרף ווײַזן דער מאַמען וואָס פאַר א טײַערע זאַך ער האָט אײַנגעהאַנדלט. נאָר ווי צו גיין א היים האָט ער ניט געוואוסט. איז ער צוגעגאַנגען צו א פרעמדער מאַ־
מען און איר געבעטן, זי זאָל אים אַהיים פירן.

— וואו איז דײַן היים? — האָט זי אים געפרעגט.

— נעבן קראָם.

— וועלכע קראָם?

— וואו מיין מאַמע קויפט.

האָט די פרעמדע מאַמע אַ שמייכל געטאָן און אים גע־פרעגט — ווי זעט אויס דער קרעמער?

— ער האָט אַ רויטע באָרד.

האָט שוין די פרעמדע מאַמע געוואוסט, וואו מאַטעלע וואוינט און זי האָט אים אַהיים געפירט.

אָן דעם מאַנטל, אָן אויסגעשמירטער, מיטן הענדל אין האַנט, האָט זיך מאַטעלע אַריינגעלאָזט אין הויז.

— וואו האָסטו אַהינגעטאָן דאָס מאַנטעלע, שיינער זון מיינער, — האָט די מאַמע אויסגעשריען.

— מאַמע, זע אַ הענדעלע וואָס טאַנצט! — האָט מאַ־טעלע אַרויסגערעדט מיט שמחה.

— אָבער איך פרעג דאָך דיך! וואו איז דיין ניי מאַנ־טעלע? — האָט זיך די מאַמע געערגערט.

— איך וויל ניט דאָס מאַנטעלע, אַ הענדעלע איז בע־סער, זעסט, ס׳איז פון גאָלד!

איז די מאַמע אַרויס פון געדולד אַרים געטאָן דאָס קינד ביים הענטל און אַ געשריי געטאָן:

— זאָג, וואו איז דאָס מאַנטעלע?

האָט זיך מאַטעלע דערשראָקן און וויינענדיק אַרויס־געשטאַמלט:

— ביים הענדלמאַן.

— וואָסער הענדלמאַן?

— וואָס פאַרקויפט הענדעלאַך.

— וואו פאַרקויפט ער?

— אין גאַס.

— אין וועלכער גאַס?

— איך ווייס ניט.

האָט די מאַמע דערזען, אַז זי קען קיין טאָלק ניט

דערגיין, האָט זי גערופן דעם טאַטן. האָט אים דער טאַ־
טע אָנגעשלאָגן, און מאַטעלע האָט געוויינט.

אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן אים געלאָזט אַליין, האָט ער זיך פאַרקליבן מיט זיין הענדל אין אַ ווינקעלע, געצויגן דאָס ספּרוזשינקעלע און דאָס הענדל האָט געטאַנצט. האָט מאַטעלע געלאַכט מיט פאַרוויינטע אייגעלאַך, זיך געפרייט מיט דעם געשעפט, וואָס ער האָט געמאַכט.

די מעשׂה מיטן ווינט

איינמאָל גאַנץ פרי, איז די ווינטיכע אין פעלד געלעגן געוואָרן און געהאַט אַ קינד, אַ ווינטל. אַז דער טאַטע, דער ווינט אין פעלד, האָט זיך פון דעם דערוואוסט, האָט ער זיך זייער דערפרייט און איז געקומען צופליען מיט אַ רויטער קאָלדרע און ווייסן קישן. האָבן דער טאַטע מיט דער מאַ־מען זיך אַנידערגעזעצט נעבן קינד, אַנידערגעלייגט אים אויפן קישן, צוגעדעקט מיט דער קאָלדרע און געוויגט:
„אהאַ, אַ־האַ, ליו, ליו. שלאָף זשע ווינטעלע, נעבן שוואַרצן וואַלד, שלאָף קליין ווינטעלע אין ברייטן פעלד. האָט דאָס ווינטעלע מאַקע געפאָלגט און אַנטשלאָפן געוואָרן.

דערנסמאָל רופט זיך אָנעט די ווינטיכע: „אַזוי־ווי ביי אונז איז שוין געבוירן געוואָרן אַ קינד, דאַרפן מיר ווערן שטילער און ניט אַרומלויפן און זיין שטענדיק נעבן אונזער קינד. אפשר וואָלטן מיר איינגאַנצן אַוועק פון פעלד און זיך גאָר איבערקלייבן אין אַ שטאָט אַריין, ווערן אויס

ווינטן און קויפן אַ הויז מיט אַ וויגל. ווען מיר האָבן וואו
צו פאַרוויגן דאָס קינד".

„איך ווייס" — מאַכט דער טאַטע, דער ווינט" —
„אפשר ביסטו טאַקע גערעכט".

אָבער ניט לאַנג האָט געדויערט און ס׳איז דורכגע־פלויגן אַן אָדלער מיט צעשפּרייטע פליגל. האָט זיך דער טאַטע, דער ווינט, באַלד אויפגעהויבן און זיך גענומען יאָגן נאָכן אָדלער. די מאַמע, די ווינטיכע, האָט אָבער אַ געשריי געטאָן:

— נו, און אויף וועמען לאָזטו איבער דאָס קינד?

— אָט וועל איך פריער כאַפּן דעם אָדלער און זיך באַלד אומקערן צו אײַך, — האָט דער טאַטע אַ מאַך געטאָן און איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

אַז ס׳זיינען אַוועק דריי טעג מיט דריי נעכט און דער טאַטע האָט זיך ניט אומגעקערט, איז שוין די מאַמע גע־זעסן אומעטיק נעבן קינד, אים פאַרשלעפערט און געזונגען:

„אַהאַ אַ־האַ, ליו ליו, שלאָף, קינד, שלאָף, דער טאַטע איז אַוועק יאָגן זיך נאָכן אָדלער. וועט ער אפשר שוין קיינמאָל צוריק קומען, קיינמאָל ניט צוריק קומען. די מאַמע אָבער וועט שטענדיק זיין מיט דיר, שטענדיק“.

אויפן פערטן טאָג אָבער זיינען ווייסע וואָלקנס דורכ־געפלויגן, האָט די מאַמע זיך אויך אַ הויב געטאָן און זיך גענומען יאָגן נאָך די וואָלקנס. האָט דאָס קינד אַ גע־שריי געטאָן: „מאַמע, וואוהין פליסטו“? — שלאָף, קינד, שלאָף, — האָט די מאַמע געענטפערט — פאַרנאַכט וועל איך צוריק קומען, איך דאַרף נאָר כאַפּן די וואָלקנס.

איז געקומען די נאַכט און די מאַמע איז שוין צוריק ניט געקומען האָט דאָס ווינטל זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן צו וויינען. אָפּגעוויינט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין האָט זיך דאָס אויפגעהויבן זוכן זיין מאַמען.

איז דאָס געקומען צופליען צום ברייטן וועג. געשטאַ־נען אין דער פינסטער און געזוכט ביז וואַנעט פון ערגעץ האָט זיך אָנגעטראָגן אַ באַן מיט הונדערטער ליכטיקע פענסטער. ביי די פענסטער זיינען מענטשן געזעסן און אַרויסגעקוקט. האָט זיך דאָס ווינטל באַלד אַ לאָז געטאָן

נאָכן באַן אַריינגעשריען אין די פענסטער אַריין: „נישטאָ דאָרט מיין מאַמע? נישטאָ דאָרט מיין מאַמע?“

קיינער אָבער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס ס׳מיינט. די מענטשן האָבן זיך נאָר דערשראָקן און געזאָגט איינער צום אַנדערן: „אַך, וואָס פאַר אַ ווינט ס׳איז אין פעלד, וואָס פאַר אַ ווינט!“

איז דאָס ווינטל צוגעפלויגן צו דער גרויסער מאַשין, דערזען דעם מענטשן, וואָס טרייבט די מאַשין, שטיין נעבן אַ קעסל, וואו ס׳ברענט אַ גרויס פייער, האָט דאָס אַריינגעשריען אים אין די אויערן: „האָסט ניט געזען מיין מאַמען? האָסט ניט געזען מיין מאַמען?“

האָט דער מענטש, וואָס טרייבט די מאַשין אויך ניט פאַרשטאַנען וואָס ס׳מיינט. זיך אויך דערשראָקן און אַ זאָג געטאָן צום צווייטן מענטשן, וואָס שטייט ביי די קוילן מיט אַ לאָפּעטע: „וואַרף נאָר אָן אַ סך קוילן אין קעסל. גיכער, גיכער, ווייל עפּעס אַ ווינט וויל זיך שטעלן אַנטקעגן און ניט לאָזן פאָרן“. האָט יענער אַ שפּיי געטאָן אין די הענט, זיך אַריינגעגראָבן מיט דער לאָפּעטע אין די קוילן און געוואָרפן אין קעסל פולע לאָפּעטעס, גיך גיך, ביז דער באַן האָט זיך אָנגעהויבן צו טראָגן שנעל ווי אַ בליץ. געטראָגן זיך, געטראָגן זיך און פאַרשוואונדן געוואָרן מיט די הונדערטער ליכטיקע פענסטער און מיט די מענטשן, וואָס זיצן נעבן די פענסטער און קוקן אַרויס.

איז דאָס ווינטל געבליבן ווייטער אין דער פינסטער צווישן די פעלדער איינער אַליין. דערווייל איז געוואָרן קאַלט און דאָס ווינטל האָט אָנגעהויבן צו ציטערן פון קעלט. האָט זיך דאָס געלאָזט לויפן, לויפן, אפשר וועט זיך דאָס דערוואַרעמען. געלאָפן אַזוי לאַנג ביז וואַנעט ס׳איז אָנגעקומען אין אַ שטעטל אַריין. אין שטעטל זיינען נאָך אַלע הייזער געווען ליכטיק און די מאַמעס האָבן געבעט די וויגעלאַך מיט ווייסע ליילעכער און מיט ווייסע

קישן. דערנאָכדעם האָבן זיי אין די וויגעלאַך אַריינגעלייגט זייערע קינדער און זיי געזונגען לידעלאַך אויף צו פאַרשלעפן.

איז דאָס ווינטל צו צו די פענסטער, אָנגעהויבן קלאַפּן און אַריינשרייען: „לאָזט מיך אַריין, לאָזט מיך אַריין, לייגט מיך אין וויגעלע אַריין און זינגט מיר אויך אַ לי־דעלע״.

האָבן די מאַמעס אויך ניט פאַרשטאַנען, וואָס ס׳מיינט. זיי האָבן זיך דערשראָקן און באַלד אויסגעלאָשן די לאָמפּן, געגלעט די קינדער וואָס האָבן זיך צעוויינט, געוויגט די וויגעלאַך און געזונגען: „אַ־האַ, אַ־האַ, ליו, ליו. דער ווינט פון פעלד איז געקומען אין שטאָט, אַהאַ, אַהאַ, ליו, ליו״.

האָט דעם ווינטל זייער פאַרקלעמט ביים האַרצן פון דעם און ס׳האָט נאָך אויך געציטערט פון קעלט, האָט׳ס גענומען זוכן אַ וואַרעם אָרט וואו זיך צו באַהאַלטן. באַלד געפונען אַ קוימען ערגעץ אויף אַ דאַך, זיך אַריינגעזעצט אין קוימען און צו זיך אַליין געזונגען אַ לידל אויף צו פאַר־שלעפערן: וואו, וו־וו־או, ליו, ליו. שלאָף דו ווינט פון פעלד.

דאָס ווינטל וואָלט שוין טאַקע אַזוי געווען אַנטשלאָפן געוואָרן, האָט אָבער פּלוצלונג דערהערט איינער אַ הונט, וואָס איז געשטאַנען אויף דער גאַס און געהיט די נאַכט. האָט ער צונויפגערופן אַלע הינט און זיי דאָס דערציילט.

האָבן באַלד אַלע הינט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער שטוב, פאַררייסן די קעפּ צום דאַך צו און זיך צעהאַווקעט. דער ווינט האָט זיך דערשראָקן און אַרויס גיך, גיך פון דער שטאָט. געפלויגן און געציטערט ביז ס׳האָט דערזען אַ טייך און ביים ברעג שטייט אַ שיפל. איז דאָס ווינטל באַלד צו צום שיפל, זיך אַריינגעזעצט אינווייניק, געהוי־דעט דאָס שיפל און זיך צוגעזונגען: „שלאָף, ווינט פון פעלד, שלאָף״, און טאַקע באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן.

אויף מאָרגן גאַנץ פרי איז דאָס ווינטל אויפגעשטאַנען

געזונט און פריש און אוועק זוכן זיין מאמען. געפלויגן אזוי לאנג, ביז וואנעט ס׳איז אנגעקומען צו א גרויס פעלד. אויפן פעלד האט זיך געהוידעט א אנגעבלאזענער לופט באלאן צוגעבונדן מיט א שטריק צו א סלופ גרייט באלד אוועקצופליען אין הימל אריין. ער, דער לופטבאלאן, האט נאר געווארט אויפן מענטשן, וואס האט געדארפט אפבינדן דעם שטריק, זיך אריינזעצן אין קויש אריין און אוועקפליען אין הימל אריין. יענער אבער, דער מענטש, איז אוועקגע־גאנגען זיך געזעגענען מיטן ווייב און קינד.

האט דאס ווינטל זיך באלד טאקע אריינגעכאפט אין קויש אריין. צעהוידעט דעם לופטבאלאן, ביז דער שטריק האט זיך אפגעריסן פון סלופ און זיך א הויב געטאן הויך, הויך, און איז אוועקגעפלויגן עט ווייט אין לופטבאלאן זוכן זיין מאמען.

געקומען צופליען צו א בארג, האט עס דערזען אן אָד־לער שטיין אויפן שפיץ מיט צעשפרייטע פליגל. האט דאס ווינטל א פרעג געטאן ביי אים:

— ווייסטו ניט וואו מיין מאמע איז?

— ניין, וואו דיין מאמע איז ווייס איך ניט, נאר וואו דיין טאטע איז ווייס איך יא.

— וואו? — האט דאס ווינטל נאך אמאל א פרעג גע־טאן.

דארטן איבערן ים.

— אוי ווי! פארבלאנדזשעט געווארן, — האט דאס ווינטל א רוף געטאן און זיך צעוויינט אויף א קול.

אויסגעוויינט זיך, האט דאס ווינטל גענומען פליען אין לופט־באלאן. געפלויגן און געפלויגן ביז ס׳האט דערזען וואלקנס זיצן אויף א שפיץ פון א בארג, וואס רוען זיך אפ אין דערציילן זיך מעשות.

— וואלקנס, וואלקנס, ווייסט איר ניט וואו מיין מאמע איז? — האט דאס ווינטל באלד א פרעג געטאן.

— אונטערן באַרג צופוסנס, ליגט דיין מאַמע אַ קראַנ־קע, ווייל זי האָט זיך צעשלאָגן אָן אַ שטיין.

— אוי ווי! צעשלאָגן, — האָט דאָס ווינטל אַ רוף געטאָן און זיך צעוויינט.

אויסגעוויינט זיך, איז דאָס אַראָפּ אונטן אין טאָל, גע־נומען די קראַנקע מאַמע און אַריינגעלייגט אין לופטבאַלאָן. געבראַכט זי צו אַ גרויסן מויער, אויפן שפּיץ פון מויער איז געשטאַנען אַ פּאַלאַזטע שטוב און אין שטוב איז גע־שטאַנען אַ גרויס בעט. אַריינגעלייגט דער מאַמען אין בעט אַריין, זיך געזעצט נעבן איר און צוגעזונגען אַ לידל:

אַהאַ: מאַמע, מאַמע. שלאָף זשע שלאָף זשע טייערע. דער טאַטע איז איבערן גרויסן ים פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן איבערן גרויסן ים פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן. אַהאַ, אַהאַ, מאַמע. אַהאַ, אַהאַ, מאַמע.

פעטער שנייער

פוך און פוך און ווידער פוך . . .
מיט אַ ווייסן קלאָרן טוך
דעקט זיך איין דאָס שטעטל.

היי, דער פעטער שנייער פאַלט!
אויפן פעלד און אויפן וואַלד
בעט ער אויס זיין בעטל.

ערד און הימל שטייען קלאָר.
מער נישט, ראָבן שוואַרצע נאָר
פליען אום אינמיטן,

זאָגן אָן אויף יעדן אָרט,
אַז דער פעטער שנייער פאָרט
אויף זיין גרויסן שליטן.

אַ מענטש אונטערן שניי

איינמאָל ווינטער איז אַ פּויער געפאָרן נאָך האָלץ אין וואלד און האָט זיך דאָרטן פאַרזאַמט. דערווייל איז גע־וואָרן פינסטער. ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטאַרקער ווינט מיט אַ געדיכטן שניי. דעם פּויער האָט זיך אויס־געדוכט אין דער פינסטער, אַז ער איז אַראָפּגעקראָכן פון וועג. ער איז אַרויס פון שליטן און איז אַוועק זוכן דעם וועג.

עס איז געווען אַ טיפער שניי. דער פּויער האָט פאַר־לאָרן די כוחות און איז געבליבן ליגן אין טיפן שניי. דער שניי האָט אים פאַרשאָטן.

דאָס פערדל איז אַ ווײַלע געשטאַנען, האָט זיך אָפּ־געררוט און איז זיך פּאַמעלאַך אַוועק אַהיים.

אַז מ׳האָט אין דער היים דערזען, אַז דאָס פערדל איז אַליין געקומען, האָט מען צונויפגערופן מענטשן פון דאָרף, מ׳זאָל גיין זוכן דעם פאַרפאַלענעם פויער.

מען איז אַרומגעפאָרן, געזוכט און זיך אומגעקערט מיט גאָרנישט צוריק.

אויף מאָרגן האָט מען ווידער געזוכט און אויך ניט געפונען.

שוין אויפן דריטן טאָג איז געפאָרן אַן אַנדער פויער מיט אַ הונט גאָר דורך אַן אַנדער וועג.

דער הונט האָט עפּעס דערשמעקט ביים וועג אונטערן שניי און האָט גענומען גראָבן מיט די לאַפּעס דעם שניי.

דער פויער האָט אָפּגעשטעלט דאָס פערד און איז צוגעגאַנגען אַ קוק טאָן, וואָס זיין הונט האָט געפונען.

האָט ער דערזען, אַז זיין הונט האָט פאַנאַנדערגעגראָבן עפּעס אַ נאָרע אין שניי, און פון דער נאָרע גייט אַ פּאַרע. ער האָט גרעסער געמאַכט די לאָך און האָט דערזען, אַז אינעווייניק ליגט אַ מענטש.

דער פויער האָט פאַרשאָטן צוריק די לאָך מיט שניי און איז גיך אַוועקגעפאָרן אין דאָרף אַריין. גלייך האָבן זיך צונויפגעקליבן מענטשן מיט לאָפּעטעס, און מען איז אַוועקגעפאָרן צו דער גרוב, וואו דער מענטש איז געלעגן. מען האָט אים פון דאָרטן אַרויסגענומען און געבראַכט אַהיים. ער האָט נאָך געלעבט. אַ גאַנצער מעת־לעת איז אַריבער ביז ער איז געקומען צו זיך.

שנייעלאַך

מיר זיינען ווייסע שנייעלאַך
און פליען פון דער הויך,
מיר זיינען גרינג ווי פעדערלאַך
און דינינקע ווי רויך.

מיר זיינען פון דעם וואָלקנדל,
פון אונזער היים אַוועק,
מיר פליען לאַנג און ליגן זיך
דאָ אָפּרוען פון וועג.

עס ווילט זיך רואיק ליגן דאָ,
נאָר שטאַרקער ווערט דער ווינט,
ער בלאָזט און קערט און טרייבט אַרום..
אוי, הער שוין אויף, דו ווינט.

צוויי פרעסט

צוויי פרעסט האָבן שפּאַצירט איבערן פעלד, צוויי ברי־דער: פראָסט בלויע־נאָז און פראָסט רויטע־נאָז.

פריי האָבן זיי אַרומגעיאָגט אינדרויסן, פאַר קיינעם קיין מורא ניט, אַלעמען אָנגעשראָקן. די לבנה האָט אין הימל געשיינט. טויזנטער שטערן האָבן געברענט מיט בלויע, רויט־לאַכע פייערלאַך, געציטערט און געמינעט זיך, און אויף דער ערד האָבן געבליצט שנייעלאַך פאַר דער לבנה. טאַקע נאָר די פרעסט אַליין האָבן זיך געקוויקט מיט דער שיינקייט פון דער לויטערער נאַכט. זיי האָבן געהוליעט

זיך געדופן, איבערגערופן, געשפּרונגען פון איין בוים אויפן צווייטן, פון דאַך אויף דאַך, פון פּלויט אויף פּלויט, ווי מיט אַזוינע העמערלאַך געקלאַפּט, נאָכגעקוקט, צי די בריקן אויף די אַזיערעס און טייכלאַך זיינען פעסט געמאַכט, צי די טירן זיינען גוט פאַרהאַקט — נאָך אַלץ האָבן זיי נאָכגעקוקט און אומעטום אויסגעוועזן.

און די פּרעסט-ברידער האָבן געלויבט איינער דעם צווייטן, און איינער דעם צווייטן אָנגערופן גבור.

אינדערפרי, די מענטשן שטייען אויף, פון קוימענס די רויכן הויבן זיך סטופּעסווייז.

דער פויער דאַרף אין וואַלד נאָך האָלץ פאָרן, אויף אַרבעט צו דער מיל.

וויניק האָט אַ מענטש צו טאָן?

דער פויער טוט אָן די קאָרטענע זאָקן, וויקלט זיי אַרום מיט קאָרטלאַך, אויף די קאָרטלאַך — אָנעטשעס, און שנירט פעסט אַרום די פיס מיט לאַפּצעס-שנירלאַך, ער וואַרפט אויף זיך אַרויף דעם פעלץ און ציט נאָך אַרויף אויף אים אָן אַרמיאַק, טיף איבער די אויערן דאָס היטל, גענומען די הענטשקעס, די האַק, איינגעשפּאַנט דאָס פערדל, און זיך אַוועקגעלאָזט צום וואַלד.

לאַנגע שורות פורלאַך איבער די וועגן זיך געלאָזט. די שליטנס קריצן, פון פערדלאַך זעצט די פּאַרע, און אונטער פּריצישע פערד-בויגנס קלינגען גלעקלאַך.

האָט זיך די פּרעסט פאַרגלוסט אַ ווערטל צו טאָן מיט די האַפּעריקע לייט, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט אין אַזאַ קעלט די נאָז באַווייזן.

איז איין פּראָסט, בלויע-נאָז, אַוועק נאָך דעם פּריץ, און דער צווייטער, רויטע-נאָז, נאָך די פויערים אַוועק.

וואָרעם איז דער פּריץ אָנגעטאָן, איינגעהילט אין אַ טו-לופּ, די פיס אין פוישטן באַהאַלטן און נאָך פונאויבן זיי צוגעדעקט מיט אַ בערישער פעל.

לאַנג האָט זיך פּראָסט בלוי־נאָז געיאָגט נאָך אים. לאַנג און אים דעריאָגט. ער איז דעם פּריץ אַרונטערגעקראָכן אונטערן טולופּ און זיך אַ נעם געטאָן קנייפּן דעם געהויבענעם האַר.

דער פּריץ האָט זיך אויפגעכאַפּט, זיך אויפן פורמאַן צעשריען, ער זאָל גיכער טרייבן די פערד. לעבעדיקער לויפן די פערד. ס'פרירן די פריצישע פיס. דער קאָלנער פון טולופּ וואַקסט אַרום מיט ווייסן שניי. די וואָנצעס און די באָרד זיינען אויך ווייס געוואָרן. קוים־קוים איז דער פּריץ דערפאָרן צו זיינע וואַרעמע חדרים.

„דער רוח זאָל אים נעמען, דעם פּראָסט!" האָט דער פּריץ אויסגעשאָסן, ווען ער איז אין שטוב אַריין.

און דער פּראָסט בלויע־נאָז האָט זיך נאָר צעלאַכט און איז אַוועק זיך ווערטלען מיט אַנדערע דורכפאָרער.

דעם פּראָסט רויטע־נאָז איז עס שוין ניט אַזוי גלאַט אָפּגעגאַנגען. ניט אַזוי גרינג איז געווען איינבייסן די פּויערים, כאָטש זיי האָבן ניט געטראָגן קיין טולופּעס און ניט קיין וואַרימע פּוישטן. דער פּראָסט האָט זיך געיאָגט נאָך כמעט אַ מייל, און אָנגעיאָגט, און זיך אַ נעם געטאָן צו די פּויערשע ביינער.

„אַך, ברענען זאָלסטו!" האָט דער פּויער אַ שעלט געטאָן, איז אַראָפּ פון וואָגן, אַ הוק געטאָן אויפן פערדל. ס'פערדל לויפט דריבנעם געלאַפּ, און דער פּויער לויפט נאָך, טופּעט מיט די פיס, שפּרינגט אונטער, און פּאַטשט זיך מיט די הענט אין די אַקסל.

דעם פּראָסט האָט אַזש אַ שוויים באַשלאָגן, ער האָט זיך קוים אַרויסגעדרייט פון פּויערס הענט.

אַז דעם פּויער איז גוט וואַרעם געוואָרן, איז ער צוריק אויפן וואָגן אַרויף, אָנגעקלאַפּט אַ ליולקע און שוין פאַרגעסן גאָר, אַז ס'איז בכלל פאַראַן אַ פּראָסט אויף דער וועלט.

„וואַרט, ברודערל, — טראַכט פּראָסט רויטע־נאָז, — כ'וועל זיך נאָך דערקלייבן צו דיר אין וואַלד!"

לאָזט ער איבער דעם פויער, יאָגט אים אַריבער, לויפט אַוועק אין וואַלד, זעצט זיך אונטער אַ יאָלקע און וואַרט אויפן פויער. אָט איז שוין דער פויער געקומען. ער האָט אויסגעשפּאַנט זיין פערדל און אויפגעהאַנגען פאַר אים אַ טאָרבע מיט האָבער.

איז בשעת דער פויער גיט אַזוי דעם פערדל עסן און רוימט אויף דעם שליטן, שפּרינגט אַרויס דער פראָסט פון אונטערן בוים און לאָזט זיך אויפן פויער.

נאָר אַז ער האָט ביי אים אין די הענט דערזען אַ האַק, האָט פראָסט אָפּגעשפּרונגען און גיך אַרונטער צוריק אונטער דער יאָלקע.

זיצט פראָסט רויטע-נאָז אונטערן בוים און קלערט און טראַכט, ווי אַזוי דערקלייבט מען זיך צום פויער.

און דער פויער דערווייל מיט דער האַק האָט זיך אַ נעם געטאָן צווייגן האַקן, ס'איז אים אַזש הייס געוואָרן. האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם אַרמיאַק און דעם פעלץ, און דאָס היטל. דער פראָסט איז פאַר פאַרדראָס שיר צע־פּיקט געוואָרן. הער נאָר! דער פויער מאַכט דאָך חוזק פון אים!

נאָר, אָט! אים איז עפּעס אַ געדאַנק איינגעפאַלן, ער האָט זיך אַזש דערפרייט דערפון, דער פראָסט. ער האָט זיך פאַר'גנב'עט און זיך אַוועקגעזעצט אויפן פויערס וואַרעמען פעלץ, איז אין אַרבל אַריין און אונטערן קאָלנער, זיצט און לאַכט פונם פויער:

„אָט, ברודערל, וועסטו קריגן אַ מתנה!" טראַכט זיך אַזוי דער פראָסט, און האָט זיך ברייטלאַך צעלייגט אויפן פעלץ, ווי ביי זיך אין שטוב, און זיך אַ נעם געטאָן אויסנייען די וואָל פון פעלץ מיט ווייסע פעדים. באַלד איז דער פעלץ געוואָרן ווייס ווי שניי.

דער פויער האָט דערווייל זיין אַרבעט פאַרענדיקט און זיך געקליבן אַהיים פאָרן, גייט ער דעם פעלץ נעמען.

„עהע, ברודעו, ווי דו האָסט זיך עס צעלייגט אַביסל!
— האָט דער פויער אַ זאָג געטאָן, אַז ער האָט דערזען דעם פאַרוויסטן פעלץ, — צי ווילסטו שוין דאָ ניט איבערווינטערן?“

און ער האָט דעם פעלץ גענומען אין איין האַנט, די בייטש אין דער צווייטער און שמייסט, שמייסט איבער דעם פראָסטס ווייסע פּעדים! וואַרפט זיך דער פראָסט אַהין, אַהער, און דער פויער שינדט און ברומט אונטער:

„אַזוי טו איך! אַזוי טו איך! מיין פעלץ! מיין פעלץ!“

איז דער פראָסט אַרויסגעשפרונגען און אַנטלאָפן.

פון דעמאָלט אָן גלוסט זיך שוין מער ניט דעם פראָסט אָפּטאָן שפּיצלאַך אַ פויער.

ניט געשלאָפן נאָר געוואַכט

אויפן קוימען, אויפן דאַך,
האַלטן קליינע פייגלאַך וואַך,
מיט די אייגלאַך ווינקען זיי,
פון לבנה טרינקען זיי.

אָט אַזוי די גאַנצע נאַכט,
ניט געשלאָפן, נאָר געוואַכט,
ביז דער הימל צינדט זיך אָן,
ווי די קאַם ביים רויטן האָן.

ביימער שטייען נעבן שליאַך
האָבן זיי אַזאַ מין שפּראַך;
ווייט אַ ווינטל הוידען זיי,
גייט אַ רעגן, סודען זיי.

אָט אַזוי די גאַנצע נאַכט,
ניט געשלאָפן, נאָר געוואַכט,
ביז דער הימל צינדט זיך אָן,
ווי די קאָם ביים רויטן האָן.

ליגן גרילן גרין-געקליידט,
פירן זיי אַ מין גערייד;
אין די גראָזן ווײלן זיי,
מיט די צינגלאַך פיילן זיי.

זיצן זשאַבעס ערגעצוואו,
מאַכן זיי אַן אויג ניט צו;
פאַלט אַ שטערן שלינגען זיי,
און צוזאַמען זינגען זיי.

אָט אַזוי די גאַנצע נאַכט,
ניט געשלאָפן, נאָר געוואַכט,
ביז דער הימל צינדט זיך אָן,
ווי די קאָם ביים רויטן האָן.

צום זיידן אויף לאַטקעס

— היינט, זונעלע, וועסטו גיין פריער שלאָפן, וואָרים מאָרגן איז דאָס דריטע ליכטל, וועלן מיר גיין צום זיידן אויף לאַטקעס, און מיר וועלן דאָרטן פאַרברענגען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אַזוי האָט געזאָגט די מאַמע צום אינגעלע מיטן רינגעלע און דאָס אינגעלע מיטן רינגעלע האָט שוין געוואוסט, וואָס איז דאָס פאַר אַ דריטע ליכטל. ער האָט געוואוסט, אַז עס איז חנוכה, בענטשט מען חנוכה-ליכטלאַך. יעדן טאָג צינדט מען אָן מיט אַ ליכטל מער, און אַזוי גאַנצע אַכט טעג, ביז עס ענדיקט זיך חנוכה און עס ווערט שוין אויס יום-טוב. צום דריטן ליכטל, וויים דאָס אינגעלע מיטן רינגעלע, גייט מען צום זיידן אויף לאַטקעס. אַלע יאָר אַזוי זינט ער געדענקט. דער זיידע גיט אים אַ דריידל, אויסגעגאָסן פון בליי, און ער דרייט דאָס דריידל, און ס'איז אַזוי פריילאַך! און די באָבע דערלאַנגט די הייסע לאַטקעס צום טיש און דער זיידע דערציילט מעשיות פון חנוכה, אַזעלכע שיינע מעשיות!

און ווי דאָס אינגעלע מיטן רינגעלע האָט דערהערט, אַז מאָרגן איז דאָס דריטע ליכטל און מען וועט ווידער גיין צום זיידן אויף לאַטקעס, האָט ער זיך צעטאַנצט און צעשפּרונגען און צעזונגען:

מאַמע, מאַמע, מאַמינקע,
חנו, חנו, חנוכה!
לאַדע, לאַדע, לאַטקעס
עסן מיר מיט שמאַלץ.

דרייען מיר דאָס דריידל,
דרייט זיך מיט דעם אַלץ.
דאָס דריידל איז פון בליי,
חנוכה איז פריי!

און דאָס אינגעלע מיטן רינגעלע האָט געזאָגט „אַ גוטע נאַכט" דער מאַמען און „אַ גוטע נאַכט" דעם טאַטן און איז אַוועק שלאָפן.

שלאָפֿט ער אַזוי און שלאָפֿט, דערמאָנט ער זיך, אַז ער דאַרף דאָך גיין אויף יענער זייט טייך צום מלך אין פּאַ־לאַץ, און זען דאָרטן דעם בן־מלך, מיט דער בת־מלכה. גייט ער אַזוי און גייט, ערשט עס קומט אים אָן אַנטקעגן דער זיידע. פֿרעגט אים דער זיידע: — וואוהין גייסטו?

ענטפֿערט אינגעלע־רינגעלע!

— איך גיי צום מלך אין פּאַלאַץ.

פֿרעגט דער זיידע: — און צו מיר אויף לאַטקעס גייסטו גאָרניט? עס איז דאָך שוין חנוכה, דאָס דריטע ליכטל!

ענטפֿערט אינגעלע־רינגעלע: — ניין, זיידינקע, איך מוז אַפֿריער גיין צום מלך, ווייל איך גיי שוין און גיי אַזוי לאַנג צו אים און קאָן אַלץ ניט קומען. דאָרטן, זאָגט מען, איז אַזוי שיין, און אַזוי פֿריילאַך ביים מלך.

און דאָס אינגעלע מיטן רינגעלע וויל אַוועקגיין. האַלט אים אָפּ דער זיידע און מאַכט צו אים:

— וואַרט נאָר, איך וועל דיר אַפֿריער דערציילן אַ מעשה מיט אַ מלך, וועסטו זען, אַז מיט אַ מלך איז גאָרניט אַזוי פֿריילאַך.

און דער זיידע האָט גענומען דערציילן די מעשה:

אַמאָל איז געווען אַ מלך. איז ער געווען אַ שלעכטער, אַ רשע מרושע. האָט ער אַלע אידן געהרגעט און געשלאָגן און מער האָט מען שוין ניט געקענט פֿאַרטראָגן. און אַזוי האָט ער מיט אַלעמען געטאָן: געהרגעט און געשלאָגן. האָט מען אים שוין מער ניט געקענט פֿאַרטראָגן.

איז אויפֿגעשטאַנען איינער, אַ הויכער און אַ שיינער און האָט געזאָגט צו אַלעמען: „לאָמיר גיין זיך אַנטקעגן שטעלן דעם מלך, וועט ער שוין אונז מער ניט שלאָגן". האָבן אַלע געזאָגט: „לאָמיר גיין, לאָמיר גיין!" און זיי זיינען אַוועק זיך אַנטקעגנשטעלן דעם מלך. אָבער דער מלך האָט

געהאַט אַ סך סאָלדאַטן מיט האַרמאַטן. איז געוואָרן אַ גרויסע מלחמה צווישן דעם מלכס סאָלדאַטן און די אידן, און מען האָט זיך אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז די אידן האָבן געוואונען און דער מלך איז אַנטרונען און מען האָט אים דערנאָך אַ טויטן געפונען. האָבן די אידן זיך געפרייט, וואָס זיי זיינען פּטור געוואָרן פון אַזאַ רשע און זיי האָבן געמאַכט אַ יום־טוב חנוכה, און אָנגעצונדן ליכטלאַך און עס איז געווען פריילאַך אָן דעם מלך.

אָט אַזוי האָט דער זיידע דערציילט, און דאָס אינגעלע מיטן רינגעלע איז געשטאַנען און האָט געהערט. און אַז דער זיידע האָט געענדיקט דערציילן, האָט ער געזאָגט צום אינגעלע מיטן רינגעלע: „זעסט, וואָס עס איז אַמאָל געווען פאַר אַ מעשה מיט אַ מלך? און איך האָב מורא, אַז דיין מלך איז אויך ניט בעסער. גיי ניט צו אים. קום בעסער צו מיר אויף לאַטקעס, און איך וועל דיר געבן אַ דריידל אויך.“

האָט געזאָגט דאָס אינגעלע מיטן רינגעלע:

— רעכט, זיידע, איך וועל גיין מיט דיר.

האָבן זיי גענומען גיין. האָט אָבער אינמיטן דערינען גענומען שנייען, און עס האָט געשנייט אַזוי שטאַרק, אַז מען האָט ניט געקענט זען ווי צו גיין. רופט זיך אָפּ אינגעלע־רינגעלע: — זיידע, אַ שניי גייט.

מאַכט דער זיידע: — חנוכה איז גוט, אַז עס גייט אַ שניי, ס'איז פריילאַכער.

זיינען זיי געגאַנגען ווייטער. גייען זיי און גייען: און דעם וועג זעען זיי ניט. און דער שניי ווערט אַלץ טיפער און טיפער, און עס ווערט שווער צו גיין. מאַכט דער זיידע צום אינגעלע:

— שאַ, דו האָסט דאָך אַ רינגעלע, וואָס טוט פאַר דיר אַלץ אין דער וועלט. בעט ביי אים אַ שליטן.

זאָגט דאָס אינגעלע: — יאָ, יאָ, זיידע! איך וועל דאָס טאַקע טאָן.

און דאָס אינגעלע האָט גלייך אַ זאָג געטאָן צום רינגעלע:

— פון דערמיטן, פון דערמיטן

זאָל מיר אַרויס אַ שליטן!

און ווי דאָס אינגעלע האָט דאָס אַרויסגערעדט, אַזוי איז געוואָרן גלייך אַ שליטן, געשפּאַנט אין דריי טייערע פערד, פלינקע ווי די הירשן, און שטאַרקע ווי די לייבן.

אינגעלע־רינגעלע האָט זיך אַריינגעזעצט אין שליטן און דער זיידע אויך, און דער שליטן איז געפלויגן פייל פון בויגן, דורך שטורם און שניי, ביז ער האָט זיי געבראַכט צום אָרט, וואו דעם זיידנס הויז האָט געדאַרפט שטיין.

זוכט דער זיידע זיין הויז, זוכט און זוכט און קען עס ניט געפינען. דער שניי איז אָנגעגאַנגען אַזוי פיל, אַז ער האָט פאַרשאָטן דאָס הויז, און אפילו דער שפּיץ קוימען האָט זיך ניט אַרויסגעזען. זאָגט דער זיידע צום אינגעלע:

— שאַ, דו האָסט דאָך אַ רינגעלע, גיב עס אַ בעט און זאָל עס אונז ווייזן דאָס הויז.

מאַכט דאָס אינגעלע צום רינגעלע:

„רינגעלע, רינגעלע, דיין וואונדער איז גרויס,

דעם זיידנס הויז פון שניי שאַר אַרויס"!

און דאָס רינגעלע האָט אַזוי געטאָן, און באַלד האָט זיך פון שניי באַוויזן דעם זיידנס הויז, און דער זיידע מיטן אייניקל זיינען אַהין אַריין און זיי האָבן דאָרטן געהוליעט ביזן גרויסן טאָג אַריין.

אַ באָבעטשקע מיט אַ בער

אַמאָל איז געווען אַ באָבעטשקע האָט זי געהאַט אַ סך, אַ סך קינדערלאַך. האָט די באָבעטשקע געדאַרפט אַוועקגיין אין וואַלד קלייבן שפּענדלאַך, האָט זי אָנגעזאָגט אירע קינ-דערלאַך, אַז טאָמער וועט ווער קומען, זאָלן זיי קיינעם ניט אַריינלאָזן. דער עיקר זאָלן זיי זיך היטן פאַר דעם גרויסן בער. ייאָם דרייט זיך אַרום אין וואַלד אַרום הויז.

אַז די באָבעטשקע איז אַוועק קלייבן שפּענדלאַך, האָבן גענומען די קינדערלאַך און האָבן פאַרמאַכט אַלע פענסטער און פאַרקייטלט אַלע טירן און האָבן זיך באַהאַלטן: איינער אויפן אַלמער און איינער אונטערן אַלמער, איינער אויפן בעט און איינער אונטערן בעט, איינער אויפן אויוון און איינער אונטערן אויוון, איינער אויפן קוימען און איינער אונטערן קוימען. נאָר דער קלייניקער העשעלע האָט מער ניט געפונען קיין אָרט, וואו זיך צו באַהאַלטן, ווייל אַלע ערטער זיינען שוין געווען פאַרנומען, האָט ער זיך באַהאַלטן אין אַ קליין פלעשעלע. דערווייל איז פאַרבייגעגאַנגען דער גרויסער בער, האָט ער געזען ווי די באָבעטשקע איז אַוועק אין וואַלד קלייבן שפּענדלאַך, טראַכט ער זיך „כ'וועל אַריין און אויפעסן אַלע קינדערלאַך". קלאַפּט ער אָן אין טיר: „קינדערלאַך, קינדערלאַך, עפנט מיר!" קיינער ענט-פערט ניט. זאָגט ער: „קינדערלאַך, קינדערלאַך, כ'וועל אייך געבן שוואַרצע יאַגדעלאַך!"

„יאַגדעלאַך!" זאָגן די קינדערלאַך, „ניין, מיר האָבן אַליין!" זאָגט ער ווידער: „קינדערלאַך, קינדערלאַך, כ'וועל אייך געבן בלויע יאַגדעלאַך!" זאָגן די קינדערלאַך: „ניין, מיר האָבן אַליין!" האָט דער בער געזען אַז זיי ווילן ניט עפענען, איז ער אַוועק צום שמיד און האָט זיך גוט אָנגעשמידט דעם הינטן מיט אייזן, און געקומען צוריק און

געזאָגט: „קינדערלאַך, קינדערלאַך אַז איר וועט ניט עפֿענען וועל איך אַליין אַריין!" זאָגן די קינדערלאַך: „מיר האָבן פֿאַר דיר קיין מורא ניט! מירן בעסער פֿאָלגן דער באָבעטש־קע!" איז דער בער געוואָרן אין כּעס, און האָט זיך אומ־געקערט מיטן אָנגעשמידטן הינטן צום טיר, און האָט געגעבן אַ זעץ — איז די טיר צעבראָכן געוואָרן אויף פּיץ־פּיצלאַך. איז דער בער אַריין אין שטוב און האָט אויפֿגעזוכט אַלע קינדערלאַך, און דערנאָך האָט ער געעפֿנט דאָס גרויסע מויל און געמאַכט: „האַם! האַם!" און האָט אויפֿגעגעסן אַלע קינדערלאַך, נאָר דעם קלייניקן העשעלע, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין אַ קליין פּלעשעלע, האָט דער בער ניט געקאָנט געפֿינען, איז ער צוריק אַוועקגעלאָפֿן אין וואַלד.

אַז די באָבעטשקע איז געקומען אַהיים, האָט זי ניט געפֿונען די קינדערלאַך. האָט זי גענומען שרייען און רופֿן: „קינדערלאַך, קינדערלאַך, וואו זייט איר?" קיינער ענטפֿערט ניט. „קינדערלאַך, קינדערלאַך, וואו זייט איר?" קיינער ענטפֿערט ניט. האָט זי זיי גענומען זוכן. זי זוכט אין פֿאַרהויז — ניטאָ! זי זוכט אויפֿן בוידעם — ניטאָ! האָט זי ווידער גענומען שרייען און רופֿן: „קינדערלאַך, קינדער־לאַך, וואו זייט איר!" דערווייל האָט דער קלייניקער העשעלע, וואָס איז געלעגן באַהאַלטן אין קלייניקן פּלעשעלע, דערהערט אַז די באָבעטשקע רופֿט, איז ער אַרויס און האָט איר דערציילט די גאַנצע מעשה: ווי ס'איז געקומען אַ בערעלע און האָט צעבראָכן די טיר און האָט אויפֿגעגעסן אַלע קינדערלאַך. ווי די באָבעטשקע האָט דאָס דערהערט, האָט זי גענומען אַ גרויסן מעסער און איז אַוועק צום שמיד און האָט אים גוט אָנגעשאַרפֿט און באַהאַלטן אונטערן פֿאַרטוך, דערנאָך איז זי אַוועק אין וואַלד און גענומען רופֿן:

— „בערעלע, בערעלע, קום צו מיר אין שטוב אַריין!" — „כ'וויל ניט!" זאָגט זי: „בערעלע, בערעלע, כ'וועל דיר געבן

קאַשע מיט מילך!" — "כ'וויל ניט!" זאָגט זי: "בערעלע, בערעלע, קום זיך צוואָגן!" "כ'וויל!" האָט די באָבעטש-קע אָוועקגעלייגט דעם בערעלע אויפן שויס און גענומען צוואָגן. און דערנאָך האָט זי אַרויסגענומען פון אונטערן פאַרטוך דעם אָנגעשאַרפטן מעסער און געמאַכט איבער דעם בערעלעס בייכעלע — "כיק-כיק!" זיינען אַרויסגעפאַלן אַלע קינדערלאַך. האָט זי גענומען די קינדערלאַך און האָט זיי גוט אַרומגעוואַשן און אַרומגעפוצט, און פאַרקאַמט, און זיי אָנגעטאָן נייע הייזעלאַך, מיט נייע שיכעלאַך און זעקע-לאַך, און אַרויפגעזעצט אויף אַ לאָפּעטע און געמאַכט:
"פוץ, אין חדר אַריין!"

סטאָליער

ציש, ציש, ציש —
און דער סטאָליער מאַכט אַ טיש!
און ער הובליעט פיין און גלאַט —
מאַכט שוין פאַרטיק באַלד די בלאַט!
ציר, ציר, ציר —
טאָקער דאָרט אין צווייטער טיר
און ער אויך נישט לײדיק זיצט,
מאַכט די פיס, ווי אויסגעשניצט!
ציר, ציר, ציר, ציש, ציש, ציש —
ווערט פון בלאַט און פיס — א טיש.

דריי בעלי־מלאכות

א שניידערל

בין איך מיר אַ שניידערל,
רופט מען מיך רב גאָדל;
צי איך מיר אַזוי אַריין
אַ פאָדים אין אַ נאָדל.
כ'מאַך אין עק אַ קניפּעלע
ניי און ניי כסדר:
אָט אַזוי, אָט אַזוי
ניי איך מיר די קליידער.
טורייַ — רייַ!
טורייַ — רייַ!
ניי איך מיר די קליידער.

אַ שוסטערל

בין איך מיר אַ שוסטערל,
רופט מען מיך רב מיכל;
נעם איך מיר אַזוי דעם אָל
און שטעק אַריין אין שיכל,
ווערט אין זיל אַ לעבעלע —
שטעק איך אָן אַ טשוועקל:
אָט אַזוי, אָט אַזוי
קלאַפּ איך מיטן העקל.
קליפּ און קלאַפּ!
קליפּ און קלאַפּ!
קלאַפּ איך מיטן העקל.

אַ בעקערל

בין איך מיר אַ בעקערל,
רופט מען מיך רב לעמל.
קנעט איך דאָס טייג גוט אויס
און שנייד די ברויט און זעמל.
כ'לייג זיי אויף דער לאָפּעטע
געשוואָלענע פון הייוון,
אָט אַזוי, אָט אַזוי
רוק איך זיי אין אויוון.
באַלד אַריין,
באַלד אַרויס,
הין און צוריק פון אויוון.

דער קליינער קוימענקערער

ס'איז געווען ערב יום-טוב, נאָכן לערנען ביי אונז אין שול, בין איך אַוועק אין מיידל-שול, אָפּצופירן אַהיים מיין שוועסטערל, וואָס לערנט זיך דאָרטן.

אַז איך בין געקומען, זיינען שוין די מיידלאַך געווען אַרויס פון שול, פריילאַכע און צופרידענע, וואָס מ'האָט זיי אָפּגעלאָזט אויף יום-טוב.

פלוצלונג דערזע איך: פונקט אַנטקעגן דער שול, פון דער צווייטער זייט גאַס, שטייט אַ קליינער קוימענקערער, אינגאַנצן אַ שוואַרצער. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ צו דער וואַנט, האַלט אין האַנט זיין זעקל מיטן בעזים און וויינט אויפן קול.

עטלאַכע מיידלאַך פון די אינגערע קלאַסן זיינען צוגע-גאַנגען צו אים. איך גיי אויך צו נענטער און איך הער ווי זיי פרעגן אים: — „וואָס איז דיר? וואָס וויינסטו אַזוי?“

דאָס אינגל האָט אויפגעהויבן זיין שוואַרץ קעפּל און מיט אַ כליפּ דערציילט, אַז ער האָט פאַרלאָרן די גאַנצע

פופציק סענט, וואָס ער האָט פאַרדינט פאַרן טאָג. און אַן געלט קען ער אַהיים ניט קומען.

— מיין מאַמע ליגט קראַנק, מען דאַרף פאַר איר רפואות קויפן און עסן פאַר מיין שוועסטערל... וויי צו מיר!...

די מיידלאַך קוקן אויף אים מיט רחמנות.

דערווייל גייען צו נאָך עטלאַכע, גרויסע און קליינע, מיט זייערע רענצלאַך אין די הענט און הערן זיך צו צו דער מעשה.

איינע פון זיי, אַ גרעסערע, מיט אַ בלויען פעדער אויף דער הוט, נעמט אַרויס פון קעשענע אַ ניקל און זאָגט:

— איך האָב ניט מערער פון איין ניקל, ס'איז ווייניק, זאָל יעדע איינע עפּעס געבן פון אירס.

— איך האָב אויך ניט מער פון איין ניקל — שלאָגט איר איבער אַ צווייטע מיט אַ רויטן מאַנטל: — אָבער אַלע צוזאַמען וועלן מיר זיכער צונויפקלייבן דרייסיק סענט.

און ס'איז אַוועק אַ גאַנג.

— קינדער! ווער האָט געלט? אַהער. אַהערצו גיט!

ווער ס'האָט געהאַט געלט אויף בלומען, ווער אויף העפטן, פענעס — אַלע האָבן אָפּגעגעבן. אייניקע גאָר קליינ-טשינקע האָבן אַוועקגעשענקט כאָטש צו פאָר פענים, וואָס די מאַמעס האָבן זיי געגעבן אויף צוקערלאַך.

דאָס מיידל, וואָס מיטן בלויען פעדער, האָט געקליבן דאָס געלט און געציילט אויפן קול: — אַכט, צען, פופצן!... איז נאָך אָבער אַלץ ווייניק. דאָס מיידל קוקט זיך אום אין אַלע זייטן — אַלע האָבן שוין געגעבן.

פלוצלונג גייט אַרויס פון שול אַ שילערן פון עלטערן קלאַס, דערהערט זי די מעשה און שענקט אַוועק אַ גאַנצן דיים.

אַלע מיידלאַך זיינען אַנטציקט.

איצט פעלט שוין ניט קיין סך.

— אַט גייט מען פון פערטן קלאַס, מען דאַרף ביי זיי בעטן — זאָגט איין מיידעלע.

דער פערטער קלאַס גייט צו נענטער און באַלד הויבן זיך ווידער אָן פון אַלע זייטן צו קומען מטבעות.

דער עולם דערוויל ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער.

די דרייסיק סענט זיינען שוין לאַנג דאָ, ס'איז שוין דאָ אַ סך מערער. יעדערע וויל אַריינטראָגן אַ חלק, און אפילו גאָר די קליינינקע, וועלכע האָבן נאָך ניט קיין געלט, שפּאַרן זיך דורך צווישן די עלטערע נענטער צום קליינעם קוימענ־קערער און שטופּן אים אין האַנט אַריין זייערע בלימעלאַך, אַבי נאָר אים צו געבן עפּעס.

פלוצלונג גייט אַרוים די באַדינערקע. זי זעט אַזאַ עולם קינדער, טוט זי אַ געשריי:

— וואָס האָט איר זיך דאָ אויפגעקליבן? אַהיים גייט! אַט וועל איך רופן די לערערקע!

די מיידלאַך צעלויפן זיך אין אַלע זייטן, ווי אַ מחנה פייגעלאַך.

אויף דער גאַס בלייבט נאָר דער קליינער קוימענקערער. ער רייבט זיך די אויגן, וואָס זיינען נאָך פייכט און צעשמירט זיך די טרערן איבערן גאַנצן שוואַרצן פּנים, דאָס פּנים שיינט פון גליק. זיינע הענטלאַך זיינען פול מיט געלט און פון אומעטום, פון די קעשענעס, פון דעם היטל, פון די לאַצן, פון יעדן לעכל אין זיין צעריסן מאַנטעלע שטעקן אַרוים אַלער־ליי קוויטעלאַך און בלימעלאַך, אפילו אויף דער ערד וואַל־גערן זיי זיך אויך אַרום און אַרוּם:

אַט אַ גליקלאַכער!

פורים צו דער סעודה

אויף פורים האָט דער זיידע געבראַכט אַ גראַגער דעם אינגעלע מיטן רינגעלע און ער האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— זע, אַז המן זאָל פון דיר ניט אַרויס מיט גאַנצע ביינער. גיב אים, ווי ער איז ווערט!

— זאָרגט ניט, זיידע! — האָט אינגעלע־רינגעלע געענטפערט — ער וועט שוין ביי מיר קריגן!

און דערווייל איז אינגעלע־רינגעלע געגאַנגען שלאָפן. אינגעלע־רינגעלע ווייס אָבער ניט קיין רו אויך אין שלאָף. עפּעס מוז זיך אים חלומען. חלומט זיך אים ווי ער גייט צום מלך אין פּאַלאַץ, זען דאָרטן דעם מלך מיט דער מלכה און זייערע קינדער.

גייט ער אַזוי און גייט, און זיין גראַגער האַלט ער שטייף אין דער האַנט, ער זאָל אים ניט אָנווערן. ערשט אַנטקעגן קומט אים אָן אַן אַלטער מאַן מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, זעט ער — עס איז יאָ דער זיידע און ניט דער זיידע, ווייל אַלט זיינען זיי ביידע. נאָר דער זיידע גייט ניט אַזוי אָנגעטאָן, ווי דער אַלטער מאַן. עפּעס מאָדנע גייט דער אַלטער מאַן אָנגעטאָן, ווי די מענטשן פון פאַר־צייטן; דער קאָפּ אַרומגעוויקלט מיט אַזאַ פאַטשיילע, אַ מאָדנער, לאַנגער בגד אויף די אַקסלען, מיט אַ גאַרטל אויף די לענדן, און אויף די פיס ניט קיין שיך, ווי מען טראָגט היינט, נאָר סאַנדאַלן, איבערגעבונדן מיט אַזעלכע רימענדלאַך.

ווערט שוין אינגעלע־רינגעלע טשיקאַווע און פרעגט ביים אַלטן מאַן: — ווער ביסטו?

ענטפערט דער אַלטער מאַן, — מרדכי.

ווייסט שוין אינגעלע־רינגעלע ווער דאָס איז, ווייל ער ווייס די גאַנצע מעשה פון פורים, ווי אַזוי דער נאַרישער קיניג אחשורוש האָט איבערגעגעבן אַלע אידן צו המן

הרשע, ער זאָל זיי אויסהרגענען, נאָר מרדכי האָט געהאַט א שוועסטערקינד אסתר, וועלכע איז געווען דעם קיניגס ווייב. האָט זי שוין געזען, אַז מען זאָל די אידן ניט אויס־הרגענען און המנען זאָל מען אויפהענגען אויף דער תליה, וואָס ער האָט אָנגעגרייט פאַר מרדכי׳ן, און די אידן האָבן געמאַכט אַ יום־טוב פורים.

אַז אינגעלע־רינגעלע האָט דערהערט, אַז דאָס איז מרדכי, האָט ער זיך אָנגערופן.

— אַזוי, מרדכי היהודי!

ער האָט זיך גאָר געוואונדערט, וואָס ער זעט מרדכי היהודי פאַר זיינע אויגן; און דער אַלטער זאָגט צו אים נאָכאַמאָל: — יאָ, מרדכי היהודי.

— און וואוהין גייסטו?

— פורים צו דער סעודה.

האָט זיך אינגעלע־רינגעלע זייער דערפרייט און גענומען טאַנצן און שפרינגען און זינגען:

„מרדכי־היהודי!

„גייט פורים צו דער סעודה!“

רופט זיך אָן מרדכי צו אינגעלע־רינגעלע:

— איך האָב דיר געזאָגט, ווער איך בין און וואוהין איך גיי, טאָ זאָג מיר איצטער, ווער דו ביסט און וואוהין דו גייסט?

ענטפערט אינגעלע־רינגעלע:

— ווייסט גאָר ניט ווער איך בין? איך בין דאָך אינגעלע־רינגעלע!

רופט זיך אָן מרדכי:

— אַזוי? דו ביסט דאָס אינגעלע־רינגעלע, וואָס מען שרייבט פון אים אַזוי פיל מעשיות?

ענטפערט אינגעלע־רינגעלע:

— יאָ, איך בין דאָס אינגעלע־רינגעלע און איך גיי דאָס צום מלך אין פּאַלאַץ.

שאָקלט מרדכי מיטן קאָפּ צו אינגעלע־רינגעלע:

— אזא קלוג אינגעלע ווי דו, זאָל נאָר וועלן גיין צום מלך אין פּאַלאַץ! איך בין אַמאָל שוין געווען דאָרטן, און איך זאָג דיר, אַז עס איז גאָרנישט מיט גאָרנישט. עס איז ניט ווערט דער גאַנג. ווער מען וועסטו דאָרטן זען? אַ מלך אַ שוטה, ווי אחשורוש און אַ מיניסטער אַ שלעכטן, ווי המן פּאָלג מיר, און קום מיט מיר צו דער סעודה.

טראַכט אינגעלע־רינגעלע, צי זאָל ער גיין צום מלך אין פּאַלאַץ אָדער מיט מרדכי־היהודי פּורים צו דער סעודה?

האָט ער אַזוי לאַנג געטראַכט, ביז עס איז ביי אים געבליבן, ער זאָל בעסער גיין פּורים צו דער סעודה מיט מרדכי־היהודי.

און אין וועג האָבן זיי באַגעגנט נאָך אַ סך קינדער.

זיינען זיי געגאַנגען און געגאַנגען און געגאַנגען, ביז וואַנען זיי זיינען אַלע געקומען צו אַ שיינעם גרויסן פיינעם פּאַלאַץ. אָבער דאָס איז ניט געווען דעם מלכס פּאַלאַץ, נאָר אסתר׳ס.

— נו, קינדער! — האָט זיך מרדכי אָנגערופן צו זיי, — לאָמיר אַריין צו אסתר׳ן אין פּאַלאַץ און עסן דאָרטן די סעודה.

זיינען אַלע קינדער, און אויך אינגעלע־רינגעלע, אַריין מיט מרדכי־היהודי אין פּאַלאַץ, און זיי זיינען געגאַנגען און געגאַנגען, פון איין חדר צום צווייטן, ביז זיי זיינען געקומען צום זאַל, וואו עס זיינען געווען געגרייט די טישן פאַר דער סעודה.

און אויבנאָן, אויף אַ טראָן איז געזעסן אסתר, אָנגעטאָן אין אירע קיניגלאַכע קליידער, וואָס דער מלך אחשורוש האָט איר געמאַכט פון זייד און פּורפּור־וואָל, אויסגענייט מיט

גאָלד און זילבער, און פרענדז זיינען אָרונטערגעהאַנגען, פרענדז גאָלדענע און זילבערנע און אויך פיל פערל. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ קרוין.

ווי אסתר-המלכה האָט דערזען די קינדער און אויך אינגעלע-רינגעלע, אַרומגייענדיק מיט מרדכי-היהודי, האָט זי זיך זייער דערפרייט און האָט צו זיי געזאָגט:

— אַ גוט יום-טוב אייך, ליבע קינדערלאַך!
און די קינדער האָבן אַלע אין איין קול געענטפערט:

— געבענטשט זאָל זיין די מלכה-אסתר!

דאַן האָט די קעניגין געזאָגט צו די קינדער:

— נו, זעצט זיך, ליבע קינדער, ביי די טישן, עסט און טרינקט, זייט פריילאַך און זינגט! איר וועט באַלד אויך קריגן שלח-מנות און אָרימע לייט וועלן קריגן מתנות און די פורים-שפּילער וועלן קומען.

האָבן זיך די קינדער צעזעצט אַרום די טישן און זיי האָבן געגעסן און געטרונקען.

און באַלד האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר און אַ קול פון יענער זייט האָט געזונגען:

— מאַכטס אויף, מאַכטס אויף!
לאָזט מיך אַריין, לאָזט מיך אַריין!
ווייסט איר ווער עס קען דאָס זיין?
המלך הכבוד — די גאַנצע וועלט.
היינט איז פורים, מען גייט פאַרשטעלט.

און די באַדינער, וואָס שטייען ביי דער טיר, האָבן זיי גלייך געעפנט, און די פורימשפּילער זיינען אַריין אָנגע-טאָן אין פאַרשביעלטע קליידער און מיט מאַסקעס אויף די פנימער. און דער עלטסטער פורימשפּילער האָט גענומען אויף איין פוס שפּרינגען און זינגען:

— פֿאַרפֿלוכט זאָל ווערן המן,
וואָס איז געווען דער ערגסטער!
געבענטשט זאָל ווערן מרדכי,
וואָס איז געווען דער בעסטער!
געבענטשט זאָל זיין די מלכה,
וואָס האָט געהייסן אסתּר!

און די איבעריקע פּורימשפּילער האָבן אונטערגעכאַפּט אַלע אין כאָר:

— פֿאַרפֿלוכט זאָל ווערן המן,
געבענטשט זאָל ווערן מרדכי!

און דער עלטסטער פּורימשפּילער האָט דאַן צום סוף אויסגעזונגען:

— היינט איז פּורים, מאָרגן איז אויס!
גיט אונז אַ גראָשן און טרייבט אונז אַרויס!

מען האָט זיי אָבער געגעבן מער ווי אַ גראָשן און זיי ניט אַרויסגעטריבן. אדרבא, מען האָט זיי צעזעצט ביי די טישן און געגעבן עסן און טרינקען, און דערנאָך האָבן זיי ערשט פֿריילאַך געמאַכט דעם עולם מיט זייער פּורים־שפּיל. און אַלע קינדער און אויך אינגעלע־רינגעלע, האָבן גוט פֿאַר־בראַכט די גאַנצע נאַכט, און ווען עס איז טאָג געוואָרן האָט זיך אינגעלע־רינגעלע אויפֿגעכאַפּט.



אַ נעסט

נאָך די שנייען
נאָך די קעלטן,
נאָך די פרעסט,
זע, עס הענגט אויף אונזער דאַך
גאַנץ בשלום זיך די נעסט.
אויפן שפּיץ פון אויבן, זעסט?
ליגט אַ ברעקל שניי
ווי אַ פייגלש איי
נאָך אַ טאָג צי צוויי
די זון —
מאַכט צוויי טראָפּנדלאַך דערפון
און זיי גיסן זיך אַראָפּ
עמיצן אויפן קאָפּ . . .

אַ מעשה מיט צוויי ברידער

אַמאָל זיינען געווען צוויי ברידער. איינעם האָט מען גערופן ק י ד ע ר און דעם אַנדערן — ו ו י ד ע ר.

און זיי האָבן טאַקע געלעבט קידער־ווידער. האָט איינער געזאָגט טאָג, האָט דער צווייטער געזאָגט נאַכט; האָט איינער געוויינט, האָט דער צווייטער געלאַכט; האָט איינער געזאָגט זומער, האָט דער צווייטער געזאָגט ווינטער; איז איינער געקומען אַפריער, איז דער צווייטער געגאַנגען אַהינטער.

קורץ — די צוויי ברידער, קידער און ווידער, האָבן זיך צווישן זיך געריסן און געביסן, און געקריגט זיך און גע־אַמפּערט זיך, און ס׳איז געווען איינפאַך לייטישע געלעכטער. ס׳איז אפילו אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל: זיי לעבן, ווי די צוויי ברידער, קידער־ווידער.

איינמאָל האָבן מענטשן געזאָגט צו די צוויי ברידער, קידער און ווידער:

— הערט נאָר, וואָס דאַרפט איר לעבן צוזאַמען און קריגן זיך? איר קאָנט דאָך לעבן באַזונדער און איר וועט פאַר קיינעם ניט זיין קיין בייז וואונדער!

האָבן געענטפערט די צוויי ברידער, אי קידער, אי ווידער:

— העי, איר קלוגע לייט וואָס איר זייט! אַז מיר וועלן לעבן באַזונדער, וועלן מיר זיך טאַקע דאַן ניט קריגן, הייסט וואָס וועט דאָס טויגן און צו וואָס זאָל מען אונז רופן קידער און ווידער?

האָבן זיי געלעבט ווייטער צוזאַמען און אַלץ ניט גע־שטימט און דערמיט זיך נאָך באַרימט. וואָס איינער האָט געזאָגט האָט דער צווייטער ניט געהערט און געטאָן פונקט פאַרקערט.

איינמאָל האָבן זיי געדאַרפט ערגעץ־וואו פאָרן. זאָגט איי־נער:

— לאָמיר פאָרן מיט באַן.

מאַכט און לאַכט דער צווייטער:

— אַ נייער פּלאַן, גאָר פאָרן מיטן באַן!

— לאַכט קידער:

— טאָ ווי זשע ווילסטו פאָרן? ביי אַן אָקס אויפן האָרן?

— מאַכט ווידער:

— איך מיין מיט אַ פערד און אַ וואָגן.

מאַכט קידער:

— אַ פערד און וואָגן טויג אויף קלאָגן.

לאַכט ווידער:

— קאָנסטו מיר ניט זאָגן, פאַרוואָס עס טויג אויף קלאָגן?

ענטפערט קידער:

— ווייל עס וועט געמען יאָרן, ביז מיר וועלן פאַרפאָרן.

זאָגט ווידער:

— און מיט דיין באַן, גיי איך מיט דיר אין געוועט וועלן מיר נאָך פאַרפאָרן העט-העט!

בקיצור, מען האָט זיך אַזוי געקריגט און געקליגט ביז מען איז גאָרניט געפאָרן.

אַ צווייטן מאָל האָבן זיי געדאַרפט גיין כאַפּן פיש. זאָגט קידער, אַז מען דאַרף כאַפּן מיט אַ ווענדקע, און ווידער זאָגט: — ניין, מיט אַ נעץ!

מאַכט קידער:

— וואָס עפּעס מיט אַ נעץ?

לאַכט ווידער:

— וואָס עפּעס מיט אַ ווענדקע?

זאָגט קידער:

— מיט אַ ווענדקע איז בעסער.

זאָגט ווידער:

— און אַ נעץ איז גרעסער!

מאַכט קידער:

— ניין, ווידער! אַט ווייל דו ווילסט מיט אַ נעץ וויל איך מיט אַ ווענדקע!

זאָגט ווידער:

— ניין, ווידער! אַט ווייל דו ווילסט ניט מיט אַ נעץ, וויל איך מיט אַ נעץ!

האָט מען זיך אַזוי אָפּגעקריגט און אָפּגעקידערט און אָפּגעווידערט, ביז מען איז גאָרניט געגאַנגען כאַפּן פיש.

אַ דריטן מאָל איז געווען אַזוי אַן עסק װעגן בויען אַ הויז.

דאָס אַלטע הויז, וואו די צוויי ברידער, קידער און ווי־דער, האָבן געוואוינט, האָט שוין געהאַלטן ביים איינפאַלן און מען האָט געדאַרפט בויען אַ נייע הויז.

מאַכט קידער :

— מען דאַרף בויען פון האָלץ.

מאַכט ווידער :

— ביסט אַ באָלץ, ווען דו ווילסט בויען אַ הויז פון האָלץ.

פרעגט קידער :

— און פון וואָס ווילסטו בויען, חכם מיינער ?

ענטפערט ווידער :

— פון ציגל.

מאַכט קידער :

— פון ציגל איז דאָך טייער.

לאַכט ווידער :

— און פון האָלץ טויג אויפן פייער !

האָבן זיי זיך אַזוי אָפּגעקידערט און אָפּגעווידערט און גאָרניט געבויט קיין הויז.

זיינען זיי געזעסן אין דעם אַלטן הויז.

און זיי זיינען געזעסן, ביז דאָס הויז איז איינגעפאַלן. עס איז נאָך געווען אַ נס, וואָס בעת־מעשה זיינען זיי אינע־ווייניק אין הויז ניט געווען. איז מיט זיי גאָרנישט ניט געשען.

וואָס זאָלן זיי איצטער טאָן ? זיי קאָנען דאָך אין דרויסן ניט זיצן ! זיינען זיי אַוועק וואוינען ביי פרעמדע. און אויך דאָרטן זיינען זיי געווען קידער־ווידער.

אָבער די פרעמדע מענטשן האָבן ניט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס קידער־ווידער פון די צוויי ברידער. האָבן די פרעמדע מענטשן צו זיי געזאָגט :

— ליבע ברידער, אויב איר ווילט לעבן קידער־ווידער,
קלייבט זיך אַרויס און בויט זיך אויס אַליין אַ הויז.

זיינען אַוועק די צוויי ברידער, קידער און ווידער, בויען פֿאַר זיך אַ הויז. אָבער דאָ האָט זיך ווידער אָנגעהויבן די אייגענע מעשה: קידער האָט געוואָלט בויען דאָס הויז פֿון האָלץ און ווידער — פֿון ציגל. איז אַוועק אַ קידער־ווידער צווישן די צוויי ברידער, און דערווייל האָט מען ניט געבויט דאָס הויז, און די מעשה איז ניט אויס.

און אָט אַזוי גייט דאָס דער געשלידער פֿון דער מעשה מיט די צוויי ברידער, וואָס איינעם האָט מען גערופֿן קידער און דעם אַנדערן — ווידער.

פּסח

גלי שטיינדערלע,
קלאַפּ העמערל,
לאַך טייכעלע,
וואַש און רייב
דעם ווינטער אָפּ.

קלינג שטויסעלע,
קנאַק מצה'לע,
שפּיל ווייגעלע
און בענטש
דעם פּסח אונז.

דריי רעגעלע,
צווִיטש פֿייגעלע,
שמעק ערדעלע,
ציר און פּוץ
דעם יום־טוב אויס.

פּסח צום סדר

דאָס אינגעלע מיטן רינגעלע איז פּסח צום סדר געווען ביי זיין זיידן און האָט געהערט אַלע מעשיות פון דער הגדה, ווי די אידן זיינען אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים, וואו זיי זיינען געווען קנעכט ביי דעם קיניג פּרעה און האָבן פאַר אים געבויט גאַנצע שטעט, און אַליין האָבן זיי גע־וואוינט אין לעכער און אין גריבער.

אינגעלע־רינגעלע האָט מיט אַלעמען גלייך געטרונקען די פיר כוסות. דריי כוסות האָט ער שוין געטרונקען און ער האָט געוואַרט אויפן פערטן. ער האָט גע׳חלש׳ט, עס זאָל וואָס גיכער קומען שוין צום פערטן כוס, ניט ווייל ער האָט געוואָלט טרינקען נאָך וויין, נאָר ווייל ער האָט געוואָלט זען אליהו הנביא, וועגן וועמען ער האָט זיך אָנגעהערט אַזוי פיל גוטע מעשיות. דער זיידע האָט אים געזאָגט, אַז צום פערטן כוס קומט ער טרינקען זיין כוס, וואָס שטייט אָנגעגרייט פאַר אים. האָט דערפאַר אינגעלע־רינגעלע געוואַרט מיט אומגע־דולד אויפן פערטן כוס.

עס איז אָבער געווען לאַנג צו וואַרטן, און דאָ איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, האָט זיך דעם אינגעלע מיטן רינגעלע גענומען שלעפערן און ער איז אַזוי איינגשלאָפן זיצנדיק ביים טיש. און ווי ער איז איינגעשלאָפן, אַזוי האָט זיך אים גענומען חלומ׳ען.

חלומ׳ט זיך אים אַלץ וועגן דעם, ווי ער וויל גיין צום מלך אין פּאַלאַץ אויף יענער זייט טייך און זען דאָרטן אַלע גוטע זאַכן און אויך קריגן דאָס פייפעלע, מיט וועלכן דער מלך רופט אַרוים די כשוף־מאַכער פון צויבער־אינזל.

גייט אַזוי דאָס אינגעלע און גייט, און אינדרויסן איז שוין פרילינג. אַלצדינג שמעקט אַזוי — אַ מחיה! און די זון שיינט גאָר העלער און פריילאַכער ווי תמיד און עס

בלענדט אַזש די אויגן! און ווי עס גייט אַזוי אינגעלע־רינגעלע, ערשט עס לויפט אים אָן אַנטקעגן אַ קעלבעלע, אַקאַרשט אָפּגעריסן זיך פון מאַמע־קו׳ס בריסט, און וויל זיך מיט אים שפּילן. גיט אינגעלע־רינגעלע אַ גלעט דאָס קעלבעלע און מאַכט צו דעם:

— ניין, קעלבעלע־שוועלבעלע! איצטער קאָן איך מיט דיר ניט שפּילן זיך, איך האָב קיין צייט ניט. איך דאַרף גיין צום מלך אין פּאַלאַץ. צוריקגייענדיק וועל איך זיך שפּילן מיט דיר.

איז דאָס קעלבעלע אַוועקגעשפּרונגען צוריק צו דער מאַמע־קו, און אינגעלע־רינגעלע איז אַוועק ווייטער זיין וועג, און ער איז געגאַנגען און געגאַנגען, ביז ער איז געקומען צום טייך, וואו ער האָט געדאַרפט אַריבערגיין, צו גיין צום מלך אין פּאַלאַץ. קוקט ער אַזוי און קוקט, ערשט ס׳איז גאָר ניט קיין טייך, נאָר אַ ים, אַ גרויסער ים און די כוואַליעס וואַרפן הין און הער, אַזש עס כאַפּט גאָר אָן אַ שרעק!

טראַכט אינגעלע־רינגעלע, ווי קומט גאָר אַהער אַ ים? אַז דאָ איז גאָר קיינמאָל קיין ים ניט געווען, נאָר אַ טייך! וויל אינגעלע עפּעס זאָגן צום ים, פרעגן אים, פון וואַנען ער קומט און ווער ער איז. נאָר דער ים איז פּלוצלונג שטיל געוואָרן, אַזוי ווי ער וואָלט איינגעשלאָפן. ניטאָ צו וועמען צו רעדן! בויגט זיך איין אינגעלע־רינגעלע און זוכט אויף דר׳ערד עפּעס אַ זאַך, מיט וואָס ער זאָל קאָנען אויפוועקן דעם ים. געפינט ער אַ שטעקעלע, גיט ער אַ טאַרקע דערמיט דעם ים און מאַכט צו אים:

— ים, ים, טו זיך אַ קער!
זאָג מיר פון וואַנען קומסטו אַהער?

כאַפּט זיך אויף דער ים פון שלאָף און גיט זיך אַ וואַרף צום ברעג מיט זיינע כוואַליעס און ענטפערט אָפּ:

— איך בין דאָך דער ים־סוף, אינגעלע־קליין!
משה רבינו קומט באַלד צוגיין.

און טאַקע באַלד איז געקומען צוגיין משה רבינו מיט די צוויי שטראַלן־הערנער אויף זיין שטערן און מיט זיין וואונדער־שטעקן אין האַנט. אינגעלע־רינגעלע האָט אים גלייך דערקענט, ווייל דער זיידע האָט אים נאָך פריער דערציילט פון משה רבינו און פון די וואונדער די גרויסע, וואָס ער האָט באַוויזן.

און גלייך נאָך משה׳ן האָט זיך באַוויזן אַן עם־רב: דאָס זיינען געווען די אידן, וועלכע משה האָט אַרויסגעצויגן פון מצרים, אַלע מיט שטעקנס אין די הענט און מיט קלומקעס אויף די פּלייצעס, אַזוי ווי מענטשן, וואָס גייען אין אַ ווייטן וועג.

ווי משה האָט דערזען דאָס אינגעלע מיטן רינגעלע שטייענדיק ביים ברעג ים האָט ער צו אים געזאָגט:

— וואָס טוסטו דאָ, אינגעלע?

ענטפערט דאָס אינגעלע:

— איך דאַרף גיין צום מלך אין פּאַלאַץ.

מאַכט משה:

— צום מלך אין פּאַלאַץ? זעסט דאָך, אַלע אַנטלויפן פון מלך, און דו ווילסט גאָר גיין צום מלך!

זאָגט דאָס אינגעלע:

— איך וויל ניט גיין צום מלך פון מצרים, נאָר צו אַן אַנדער מלך.

מאַכט משה:

— מען דאַרף ניט גיין צו קיין מלך. איך בין אויך אַמאָל געווען אַ אינגעלע ווי דו און איך בין געווען ביים מלך אין פּאַלאַץ און האָב דאָרטן געזען אַלע גוטע זאַכן, אָבער איך בין דערנאָך אַרויס אין גאַס און האָב דערזען די אידן, אַ גאַנץ פאָלק פון שקלאַפן, שטייען און אַרבעטן שווער און ביטער, קנעטן ליים און מאַכן ציגל און בויען שטעט און פּאַלאַצן, און פון זייערע נאַקעטע לייבער גיסט זיך שוויים פון דער אַרבעט און בלוט פון די שמיץ, וואָס זיי

קריגן פון דעם קיניגס אויפזעער. און אַז איך האָב דאָס דערזען, האָב איך אויסגעשריען צו די שקלאַפן: „פאַר וועמען טוט איר דאָס אַלץ?" — „פאַרן קיניג!" האָבן זיי געענטפערט. — „און וואָס וועט איר האָבן דערפון?" האָב איך זיי געפרעגט. — „הונגער און נויט, שמיץ און טויט!" האָבן זיי געענטפערט. מער האָב איך שוין ניט געקאָנט גיין צום מלך אין פאַלאַץ. איך בין געבליבן מיט די שקלאַפן און ניט אַוועק פון זיי, ביז זיי זיינען ניט באַפרייט געוואָרן, און איצטער פיר איך זיי דאָס אין אַן אַנדער לאַנד, אין אַ לאַנד פון פרייהייט. קיין ארץ־ישראל פיר איך זיי. ווילסט מיט אונז גיין?

האָט דאָס אינגעלע־רינגעלע לאַנג ניט געטראַכט און ער האָט געענטפערט:

— איך גיי. אָבער ווי וועט מען דעם ים אַריבערגיין?

אָ! נאָר איך האָב זיך גאָר פאַרגעסן, אַז איך האָב אַ רינגעלע, ניט גלאַט אַ רינגעלע, נאָר אַ צויבער־רינגעלע, וואָס טוט פאַר מיר אַלצדינג אין דער וועלט. וועל איך צו אים זאָגן:

רינגעלע רינגעלע, טראַם־טאַראַראַם!
פיר אונז אַריבער, אַריבער דעם ים!

און דאָס רינגעלע וועט אונז שוין אַריבערפירן, איר וועט זען.

צעלאַכט זיך משה און ער זאָגט:

— ניין, אינגעלע, מיר דאַרפן ניט דיין רינגעלע! דו זעסט מיין שטעקן? נו, קאָן ער אַלע וואונדער טאָן. ער איז שוין איינמאָל אַ שלאַנג געווען און ער האָט איינגעשלונגען אַלע שלאַנגען, וואָס פרעה'ס כישוף־מאַכער האָבן אויך געמאַכט פון זייערע שטעקנס. און נאָך אַמאָל האָב איך מיטן שטעקן פרעה'ס טייך געשלאָגן, איז פון דעם וואַסער געוואָרן בלוט. דאָס האָב איך זיך אָפּגערעכנט מיט פרעה'ן פאַרן בלוט פון די אידישע קינדער, וואָס ער האָט פאַר־

גאָסן. און מיין שטעקן האָט פּרעה׳ן נאָך מכות איינגע־פּיילט, און איצטער וועל איך מיט מיין שטעקן שפּאַלטן דעם ים און אַלע אידן וועלן קאָנען אַריבערגיין און דו אויך מיט אונז.

אין דער רגע האָט זיך דערהערט אַ לויפעריי פון פערד און אַ קלאַפּעריי פון רייטוועגן: דאָס איז פּרעה מיט די מצרים. זיי זיינען געלאָפן כאַפּן די אידן און ברענגען זיי צוריק קיין מצרים, זיי זאָלן ווידער אַרבעטן פאַר פּרעה׳ן. ווי די אידן האָבן דערזען פּרעה׳ן מיט די מצרים יאָגנדיק זיך נאָך זיי, האָבן זיי זיך זייער דערשראָקן און גענומען לויפן הענ־דום־פּענדום. האָט משה אויפגעהויבן זיין שטעקן און אַ געשריי געטאָן צו די אידן:

— לויפט ניט האָט קיין מורא ניט! זיי וועלן אייך גאָרנישט ניט טאָן. קומט נאָך מיר אין ים אַריין.

און משה האָט מיטן שטעקן געשפּאָלטן דעם ים, און די וואַסערן האָבן זיך אויפגעשטעלט ווי צוויי ווענט פון ביידע זייטן, און אינמיטן איז געוואָרן טרוקן, אַזוי ווי אויף דער ערד. און די אידן זיינען אַריבער דעם ים און אינגעלע־רינגעלע איז מיט זיי אויך אַריבער.

פּרעה מיט די מצרים האָבן דערזען, אַז די אידן זיינען אַריבער, אָבער גלייך ווי אידן זיינען אַריבער דעם ים, אַזוי האָבן זיך די וואַסערן צוריקגעקערט און דער ים איז צוריק געוואָרן ווי ער איז געווען, און פּרעה מיט די מצרים מיט די פערד און רייטוועגן זיינען דערטרונקען געוואָרן אין ים. קיין איינער איז ניט איבערגעבליבן. און די אידן האָבן געזונגען און אינגעלע־רינגעלע אויך מיט זיי:

— טראַם, טאַראַראַם, טראַם־טאַראַראַם!
מיר זיינען אַריבער, אַריבער דעם ים!
טראַם־טאַראַראַם, טראַם־טאַראַראַם!

דערנאָך זיינען די אידן מיט משה׳ן אַוועק ווייטער. אינגעלע־רינגעלע איז אויך מיט זיי געגאַנגען. זיינען זיי

געגאַנגען און געגאַנגען ביז זיי זיינען פאַרגאַנגען ווייט אין מדבר. איז אינגעלע־רינגעלע מיד געוואָרן גייענדיק, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אָפּרוען, און די אידן מיט משה׳ן זיינען דערווייל אַוועק ווייטער, און זיי האָבן גאָרניט געזען, ווי אינגעלע־רינגעלע איז געבליבן שטיין פון הינטן.

אינגעלע־רינגעלע האָט געמיינט, ער וועט אָפּרוען אביסל און גיין ווייטער און אָניאָגן די אידן. אָבער ער איז געווען זייער אויסגעמאַטערט, און דאָ האָט זיך אים נאָך פאַרוואָלט אַ טרונק, און דאָ איז דאָך אַ מדבר, און קיין וואַסער איז אפילו אויף אַ רפואה ניטאָ. האָט ער שוין געוואָלט בעטן זיין רינגעלע, זאָל אים העלפן. אָבער דאָ האָט זיך באַוויזן אַן אַלטער מאַן מיט אַ כוס וויין אין האַנט, און אינגעלע־רינגעלע האָט גלייך דערקענט, אַז דאָס איז אליהו הנביא.

נאָ, טרינק, מיין קינד! — האָט אליהו הנביא געזאָגט צו אינגעלע־רינגעלע און אים צוגערוקט דעם כוס וויין צו די ליפּן.

אינגעלע־רינגעלע האָט זיך גלייך אויפגעכאַפּט און דער־זען, דער זיידע שטייט איבער אים און רוקט אים צו די ליפּן אַ כוס מיט וויין און זאָגט צו אים:

— נאָ, טרינק דעם פערטן כוס!

אינגעלע־רינגעלע האָט די ערשטע זאַך געפרעגט, צי אליהו הנביא איז שוין געווען טרינקען זיין כוס, און דער זיידע האָט מיט אַ שמייכל געענטפערט:

— אודאי געווען, און ער האָט פאַר דיר איבערגעלאָזן אַ זעקעלע נים אויף צו שפּילן.

— און דער זיידע האָט געגעבן דעם אינגעלע מיטן רינגעלע אַ זעקעלע נים, און אינגעלע־רינגעלע איז אַוועק מיט טאַטע־מאַמע אַהיים שלאָפן.

צוויטשי, צוויטשי-צוויטשעריי



צוויטשי-צוויטשי
צוויטשי-צוויטשי-צוויטשעריי —
פרילינג קומט שוין אויפדאָסניי.

פייגל גרויסע,
פייגל קליינע,
אַלע פריילאַכע
און שיינע
קומען אָן מיט צוויטשעריי
מיטן פרילינג אויפדאָסניי.

פונוואַנען פליט איר חברה-לייט?
צוויטשי-צוויטשי, פונדערווייט,
פון די לענדער, פון די פעלדער,
פון די וואַרעמע דרום-וועלדער,
צוויטשי-צוויטשי פונדערווייט
צו אייך, קינדער, חברה-לייט.

דער ערשטער מאַי

דאָס אינגעלע מיטן רינגעלע האָט זיך זייער שטאַרק געגרייט צום ערשטן מאַי. איין קלייניגקייט: דער ערשטער מאַי! ער וועט דאָך זיכער גיין מיט אַלע קינדער צום מאַי-פעסט און ער וועט זיין דער קיניג און דער שכנה׳ס מיידעלע וועט זיין די קיניגן.

מאָרגן, מאָרגן וועט דאָס זיין! נו, און דערווייַלע דאַרף מען גיין שלאָפן און אויסשלאָפן זיך גוט און אויפשטיין מאָרגן פריש און געזונט.

האָט ער זיך געלייגט שלאָפן, און ווי נאָר ער איז איינ-געשלאָפן — אַהאַ, ער איז דאָ, דער מלאך פון די חלומות און ער שלעפט אים שוין פאַר׳ן הענטל: — קום!

— וואוהין? — פרעגט אים אינגעלע-רינגעלע.

צעלאַכט ער זיך און זאָגט:

— וואָס הייסט וואוהין? וואוהין מיר גייען אַלע מאָל! האָסט זיך גאָר פאַרגעסן, אַז דו ווילסט גיין צום מלך אין פּאַלאַץ און קריגן דעם מלך׳ס פייפעלע, מיט וואָס ער רופט אַרויס די כשוף מאַכער פון כישוף-אינזל?

— איך האָב זיך טאַקע פאַרגעסן — האָט אינגעלע-רינגעלע געענטפערט — מיר וועלן טאַקע גיין אַהין.

זיינען זיי אַוועק. אויפן וועג גיט דער מלאך אַ פרעג:

— האָסטו, אינגעלע, דיין רינגעלע?

ווייזט אים אינגעלע דאָס רינגעלע און זאָגט: — אָט-אָ! מאַכט דער מלאך:

— נו, אויב אַזוי, דאַרפסטו מיך ניט. דיין רינגעלע וועט דיך שוין פירן, און איך וועל אַוועק צו אַנדערע אינגע-לאַך, וואָס האָבן ניט קיין רינגעלאַך. האָב דיר אַ גליקלאַכן וועג!

איז אינגעלע אַוועק מיט זיין רינגעלע.

גייט ער און גייט, ערשט ער באַגעגנט אַ פּראַצעסיע מיט

מוזיק און געזאַנג. עס מאַרשירן מענשן אַן אַ שיר, אַנגעטאָן אין אַרבעטס-קליידער מיט געצייג אין די הענט, ווער עס טראָגט אַ האַק און ווער אַ האַמער, ווער אַ זעג און ווער אַ דלאָטע, ווער אַ רידל און ווער אַ שער און אַלע זינגען זיי:

ערשטער מאַי, ערשטער מאַי —
אַלע מענשן זיינען פריי,
פריי פון זאָרגן, פריי פון נויט,
דער וואָס אַרבעט דער האָט ברויט.

און פאָרויס פאַר דער פּראָצעסיע איז געפאָרן רייטנדיק אויף אַ פערד דער פירער. פרעגט ביי אים אינגעלע-רינגעלע:

— וואָס פאַר אַ פּאַראַד איז דאָס ביי אייך?

ענטפערט אים דער פירער:

— היינט איז דאָך דער ערשטער מאַי, און מיר זיינען אַרבעטער, און דער ערשטער מאַי איז אונזער יום-טוב.

גיט זיך אַ כאַפּ אינגעלע-רינגעלע:

— איך ווייס! איך ווייס!

רופט זיך אָן דערנאָך דער פירער:

— און ביי אייך, קינדער, איז דאָך היינט אויך יום-טוב. גייסט גאָרניט, אינגעלע, צו דעם קינדערשן מאַי-פּעסט?

ענטפערט אינגעלע-רינגעלע:

— איך גיי גאָר צום מלך אין פּאַלאַץ.

און ער דערציילט דעם פירער די גאַנצע מעשה.

צעלאַכט זיך דער פירער און אַלע אַרבעטער נאָך אים און זיי זינגען אַלע אויס:

— אינגל אינגל, זיי ניט קיין נאַר!
מ׳דאַרף קיין מלך, מ׳דאַרף קיין האַר!
אַלע מענשן זיינען גלייך,
ניטאָ קיין אָרים, ניט קיין רייך!

האָט זיך אינגעלע-רינגעלע פאַרשעמט און די אויגן אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד. ווען ער האָט צוריק אויפגעהויבן די אויגן, האָט ער דערזען, אַז דער אַרבעטער-פּאַראַד איז שוין

ניטאָ, און עס שטייען גאָר אַרום אים אַ סך קינדער, אָנגעטאָן יום-טוב׳דיק און זיי טאַנצן און זיי זינגען:

— קינדער, קינדער, היינט איז מאַי!
אַלץ איז פֿריש, אַלץ איז ניי.

און זיי האָבן אויך אינגעלע-רינגעלע אַריינגענומען אין קאַראַהאָד און ער האָט מיט זיי געטאַנצט און געזונגען.

אַז זיי האָבן געענדיקט טאַנצן און זינגען, רופֿט זיך אָן איין מיידעלע אין אַ רויט קליידעלע צו אינגעלע-רינגעלע:

— זאָג אָקאָרשט, אינגעלע, ביסטו דאָס ניט דאָס אינגעלע מיט׳ן רינגעלע?

ענטפֿערט אינגעלע-רינגעלע: — יאָ, האָסט געטראָפֿן!

זאָגט ווייטער דאָס מיידעלע אין רויט קליידעלע צום אינגעלע מיטן רינגעלע:

— און דו גייסט דאָס צום מלך אין פּאַלאַץ?

ענטפֿערט אינגעלע-רינגעלע: — האָסט ווידער געטראָפֿן.

מאַכט זי צו אים:

— צו וואָס דאַרפֿסטו גיין צום מלך אין פּאַלאַץ? זיי בעסער אַליין אַ מלך. היינט מאַכן מיר דאָך אַ יום-טובֿ. וועסטו זיין דער קיניג פֿון אונזער מאַי-פֿעסט!

זאָגט אינגעלע-רינגעלע:

— גוט. אָבער ווער וועט זיין מיין מלכה?

ענטפֿערט מיידעלע רויט-קליידעלע:

איך וועל זיין די קיניגן פֿון מאַי.

זאָגט אינגעלע-רינגעלע: — גוט.

האָט מיידעלע רויט-קליידעלע זיך זייער דערפֿרייט און זי האָט אויסגעשריען צו אַלע קינדער:

— אינגעלע-רינגעלע וועט אונזער קיניג זיין!

און אַלע קינדער האָבן גענומען שרייען:

— לעבן זאָל אינגעלע-רינגעלע, דער קיניג פֿון מאַילאַנד און זיין קיניגן מיידעלע רויט-קליידעלע.

און אינגעלע־רינגעלע האָט גלייך אָנגעטאָן זיינע קי־ניגלאַכע מאַי־קליידער און מיידעלע רויט־קליידעלע האָט אויך אָנגעטאָן אירע קיניגלאַכע מאַי־קליידער, און דער יום־טוב האָט זיך אָנגעהויבן מיט גרויס פרייד.

די קינדער האָבן גענומען מאַרשירן. אַפריער איז גע־גאַנגען אַ קאַפעליע מוזיק, דורכאויס פון קינדער, פייקלער און פייפלער און טרומייטערער. דערנאָך זיינען געגאַנגען אינ־געלע־רינגעלע דער קיניג און מיידעלע רויט־קליידעלע די קיניגן. זיי זיינען געגאַנגען אונטער אַ חופה מיט פיר שטאַנגען, געהאַלטן פון פיר אינגלאַך אָנגעטאָן אין רויטע הויזן מיט גאָלדענע לאַמפּאַסן. און דער קיניג האָט אויף זיין קאָפּ געטראָגן די פּאַפּירענע קרוין און די קיניגן האָט אויפן קאָפּ געטראָגן אַ קראַנץ פון בלומען, און בלומען זיינען געווען אויך איינגעפלאָכטן אין אירע האָר. און הינטער דעם קיניג מיט דער קיניגן זיינען געגאַנגען די איבעריקע קינ־דער, יעדעס קינד אַנדערש אָנגעטאָן.

אַזוי זיינען די קינדער געגאַנגען, ביז זיי זיינען גע־קומען צו אַ פּאַרק, און אין פּאַרק האָט זיך ערשט אָנגע־הויבן די רעכטע שמחה. אויף אַ גרינער לאָנקע איז אינמיטן געשטאַנען דער מאַי־שטאַנג, אַ הויכער שטאַנג באַפּוצט מיט בלומען און בענדער. און די קינדער האָבן זיך גענומען דרייען אַרום דעמדאָזיקן שטאַנג, דרייען זיך און טאַנצן.

קינדער, קינדער, היינט איז מאַי,
אַלץ איז פריש, אַלץ איז ניי!

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן די מאַי־סעודה, אָבער דאָ איז צוגעקומען אינגעלע־רינגעלעס מאַמע און האָט אים גענומען וועקן:

— שטיי אויף, מיין קינד! דאַרפסט שוין גיין צום מאַי־פעסט.

רייבט אינגעלע־רינגעלע די אויגן און ער זאָגט:
— דאָס איז דאָך געווען אין חלום, און איצטער וועט דאָס זיין אויפן וואָר.

פייגעלאַך, איר הערט?

אוי, איך וועל אַ פרייד דערלעבן!
מיר אין גאָרטן אָפּגעגעבן
אַ בייט אַ גאַנצע שוואַרצע ערד, —
פייגעלאַך, איר הערט?

דורכגעאַקערט האָב איך די בייט,
און מיט בלימעלאַך אויסגעזייט;
אַ בלימל נאָך אַ בלימל שפּראָצט —
פייגעלאַך, איר גלאָצט?

בלעטלאַך זויבער איך געניי,
דער הימל נישט געקאַרגט קיין טוי
וואַקסן בלימעלאַך ווי גאָלד, —
איר האָט זיי האָלט?

שפּרינגט אייך, פייגעלאַך, און היפּט,
נאָר קיין בלעטעלאַך געציפּט!
קיין שאָדן ניט געמאַכט ביי מיר,
פייגעלאַך, קיין ריר!

לאָזט זיי בליען, לאָזט זיי שמעקן,
אַניט, איר זעט? — כ'האָב אַ שטעקן
און צעיאָג אייך, אויב איר שטערט!
פייגעלאַך, איר הערט?!

די דריי זומער־פייגעלאַך

אַמאָל זיינען געווען דריי זומער־פייגעלאַך: אַ ווייס, אַ רויטס און אַ געלס. זיי האָבן זיך געשפּילט אויף דער זונשיין און האָבן געפּלאַטערט פון איין בלימעלע צום צווייטן.

פּלוצלונג איז געקומען דער רעגן און האָט זיי פאַר־נעצט.

די זומער־פייגעלאַך זיינען גיך אַוועקגעפלויגן צו זייער הייזעלע, כדי זיך צו באַהאַלטן פונם רעגן. אָבער די טיר איז געווען צוגעשלאָסן, און דעם שליסל האָבן זיי ניט געקאָנט געפינען.

זיי האָבן געמוזט בלייבן אין דרויסן און זיינען געוואָרן אַלץ נאַסער און נאַסער. דאַן פליען זיי צום געל־רויטן טולפּאַן, וואָס זיינע בלעטעלאַך זיינען געווען אין רויטע און געלע פּאַסיקלאַך, און בעטן:

„ליבער טולפּאַנעלע, עפן נאָר עטוואָס אויף דיין בלי־מעלע, ווען מיר זיך צו דיר אַריינכאַפּן און זיך באַהאַלטן פון רעגן".

נאָר דער טולפּאַן האָט געזאָגט: „די געלע און די רויטע וועלן זיין ביי מיר זייער וואוילע געסט, ווייל זיי זיינען פון איין קאָליר מיט מיינע בלעטעלאַך; די ווייסע אָבער קאָן איך צו זיך ניט אַריינגעמען".

דער רעגן ווערט דערווייל אַלץ שטאַרקער, און אונזערע זומער־פייגעלאַך נאַסער. דאַן פליען זיי צו דער ליליע:

— „גוטע ליליע, עפן אונז אויף אַביסל דיין בלימעלע און לאָז אונז אַריין, ווייל ס'איז אונז שווער די נאַסקייט איבערצוטראָגן".

זאָגט די ליליע: „איינע פון אייך איז אַזוי ווייס ווי

איך אַליין, זי וועל איך מיט גרויס פאַרגעניגן אַריינלאָזן:
די איבעריקע צוויי קאָן איך צו זיך ניט נעמען”.
— „ניין, זאָגט די ווייסע, איך קאָן צו דיר ניט גיין,



מיר וועלן שוין בעסער אינאיינעם לײדן פון נאַסקייט, איידער איבערלאָזן די שוועסטער אין נויט".

און די זומערפייגעלאַך זיינען זיך ווייטער געפלויגן.

די זון האָט דערהערט ווי די זומערפייגעלאַך זיינען געטריי איינע צו דער אַנדערער, האָט זי דורכגעריסן די וואָלקנס, האָט פאַרטריבן דעם רעגן, און אין גאָרטן איז געוואָרן ווידער העל און ליכטיק.

ס'האָט ניט לאַנג געדויערט און די פליגעלאַך ביי די זומערפייגעלאַך זיינען טרוקן געוואָרן. זייערע גופעלאַך האָבן זיך דערוואַרימט און זיי האָבן זיך ווידער געשפילט און געטאַנצט פון איין בלימעלע אויפן אַנדערן.

זומער־רעגן

מיט די זילבערנע פיסלאַך
לייכט, לייכט און לינד,
האָט געטאַנצט דער רעגן
מיטן גאָלדענעם ווינט.

האָט געטאַנצט דער רעגן
אין זיין העלער קרוין,
אויף די הייזער און גאַסן,
אויפן האַרטן שטיין.

און פאַרשפּרייט ווי אַ פּאַווע
ווייט ווייט אַוועק
איבער דעכער און שפּיצן
זיין פילפאַרביקן עק.

דער ערשטער אַרויספלי פון די בינען

די בין האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר לאַנגן ווינטער־דיקן שלאָף. זי האָט אויסגעריבן די פאַרשלאָפענע אייגעלאַך און גענומען וועקן אירע פריינט: „שטייט אויף, דער פרילינג איז געקומען!“

די בינען זיינען אַרויסגעפלויגן פון בינשטאָק און האָבן דערזען, אַז אומעטום לייכט און וואַרימט די זון. זיי האָבן פאַנאַנדערגעלאָזט זייערע פליגעלאַך און זיינען אַוועקגעפלויגן צום עפּלבוים און האָבן אים געפרעגט:

— האָסטו ניט עטוואָס שפּייז פאַר אונז? מיר זיינען זייער הונגעריק.

— ניין, האָט געענטפערט דער עפּלבוים, — איר זייט געקומען צו פרי. מיין בליאַכץ האָט זיך נאָך ניט פאַנאַנדערגעלאָזט.

די בינען זיינען אַוועקגעפלויגן צום קאַרשנבוים און האָבן אַ פרעג געטאָן:

— האָסטו פאַר אונז עטוואָס שפּייז?

דער קאַרשנבוים האָט געענטפערט:

— קומט צו מיר מאָרגן. היינט האָט זיך נאָך מיין בליאַכץ ניט געעפנט.

די בינען זיינען געפלויגן ווייטער. דער רויטער טולפּאַן איז זיך געשטאַנען און געוואַרימט אויף דער זון. אין זיינע בלומען אָבער האָבן זיי אויך קיין זאַפט ניט געפונען.

זיי האָבן זיך שוין געוואָלט אומקערן צוריק אין זייער בינשטאָק.

פלוצלונג אָבער האָבן זיי באַמערקט אַ טונקל־בלוי בלימעלע. דאָס איז געווען אַן איינפאַכע וואַלד־בלום. זי האָט פאַר די בינען אויפגעעפנט איר בעכערל פול מיט זיסן זאַפט. די בינען האָבן זיך אָנגעזעטיקט און אַהיים געבראַכט דעם ערשטן האָניק.

ס׳וואונדער אַרבעסל

אַ זיידע און אַ באָבע האָבן אַ העגדל און אַ הינדל געהאַט. האָבן זיי געפּיקט, געפּיקט אין מיסט, און העגדל האָט אַ ווייצעלע געפונען, און הינדל — אַן אַרבעסל.

זאָגט זיידע צו דער באָבע:

„וואָס, באָבעניו, זאָלן מיר מיטן אַרבעסל מאַכן?"

„וואָס, אַ שטייגער? אונטערן באַנק פאַרפלאַנצן."

אַזוי געטאָן, און ס׳אַרבעסל האָט גענומען וואַקסן.

וואַקסט עס, וואַקסט, ביז עס שפּאַרט שוין די באַנק. זאָגט די באָבע:

„זיידעניו-פריידעניו, נעם די באַנק צו. זאָל ס׳אַרבעסל וואַקסן!"

האָט ער צוגענומען. ס׳אַרבעסל וואַקסט, וואַקסט — ביז דער פּאָלעצע.

„זיידעניו-פריידעניו, נעם די פּאָלעצע אַראָפּ!"

האָט ער אַראָפּגענומען.

ס׳אַרבעסל וואַקסט, וואַקסט — שוין ביזן באַלקן.

„זיידעניו-פריידעניו, נעם זעץ דעם באַלקן אַראָפּ!"

האָט ער אַראָפּגעזעצט.

ס׳אַרבעסל וואַקסט, וואַקסט — שוין ביזן דאַך.

האָט מען דעם דאַך אויך אַראָפּגעזעצט.

וואַקסט דאָס אַרבעסל, וואַקסט אַזש ביז צום הימל.

זאָגט די באָבע:

„זיידעניו-פריידעניו, לאָמיר שוין אַרויף, דעם אַרבעס רייסן!"

„נו, קריך דו אַפריער".

„ניין, דו פריער".

איז זיידע אַרויף, און באָבע נאָך אים.

אַרויף אויפן הימל און זיך גענומען דעם אַרבעס רייסן. געריסן ביז פאַרנאַכט.

קומען זיי צום מלאך און בעטן זיך אויף נאַכטלעגער.

האָט זיי מלאך אַריינגעלאָזט אין אַ סאָד פון עפּל.

האָט באָבע דערשמעקט די עפּל און זאָגט:

„זיידעניו-פריידעניו, די עפּל שמעקן!"

זאָגט ער:

„שטיל, באָבע, וועסט שאָדן אָנטאָן!"

און אַנטשלאָפן געוואָרן.

איז די באָבע צוגעגאַנגען, אַ ריר געטאָן אַן עפּל-בוים, האָבן זיך אַלע עפּל אַראָפּגעשיט.

איז זי צוגעלאָפן און וועקט דעם זיידן:

„זיידעניו-פריידעניו, וויי, די עפּל פאַלן!"

האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און זיי צוגעבונדן.

אויפמאָרגן האָבן זיי ווידער ביז נאַכט אַרבעס געריסן, און ווידער צום מלאך געגאַנגען, זיך בעטן אויף נאַכטלעגער.

זאָגט ער:

„נו, איך לאָז אייך אין קאַמער אַריין, דאָרט שטייט אַ באַקדייזשע מיט ראָשטשינע — זעט קערט זי ניט איבער".

פאַרן שלאָפן זאָגט די באָבע:

„זיידעניו-פריידעניו, כ׳וועל נאָר אַ פינגער איינטונקען!"

„ריר ניט, באָבע, וועסט אָנמאַכן אַן אומגליק!"

און איז איינגעשלאָפן.

איז געגאַנגען די באָבע, איינגעטונקט אַ פינגער און גע־וואָלט אַ לעק טאָן, האָט זיך די גאַנצע ראָשטשינע אויסגעגאָסן.

איז זי צו צום זיידן, אים אויפגעריסן און זיך אַ נעם געטאָן מיט די הויפּנס די ראָשטשינע צונויפנעמען.

אויפמאַרגן ווידער אַרבעס געקליבן ביז שטאָקנאַכט, און ווידער זיך געגאַנגען בעטן צום מלאך אויף נאַכטלעגער.
האָט מלאך זיי אַריינגעלאָזט אין קאַרעטע שטאָל און געזאָגט:
„זעט-זשע, רירט די קאַרעטע ניט אָן".
און איז אַוועקגעגאַנגען.
זאָגט די באָבע:
„זיידעניו-פריידעניו, איך וויל זיך אַביסל דורכפאָרן!"
„ריר ניט, באָבע, דו וועסט אונז אומגליקלאַך מאַכן!"
נאָר די באָבע בעט זיך:
„כאָטש נאָר אַ פּיסל אַנידערשטעלן".
אַז זיידע איז אַנטשלאָפן געוואָרן, האָט באָבע זיך באַלד אַריינגעזעצט אין קאַרעטע, איז די קאַרעטע באַלד געפאָרן.
האָט זיך די באָבע דערשראָקן און אָנגעהויבן שרייען:
„זיידעניו-פריידעניו, אוי!"
נאָר די קאַרעטע מיט דער באָבען איז אַוועק און אַוועק, און צוריק ניט געקומען.

הענדל קרייער און פּיקסל-נאַשער

איבער ווייטע פעלדער, איבער פּוסטע וועלדער, אין אַ ווייט פאַרוואָרפן שטיבל האָבן זיך אַמאָל געלעבט קעצל-ברומער און הענדל-קרייער. און אַלע פרימאָרגן פלעגט קעצל אין ווייטן וועג זיך לאָזן — כאַפּן פייגעלאַך אויף ביימער און מייזעלאַך אין לעכער. אַהיים פלעגט ער זיך אומקערן שפּעט ביינאַכט. ברודער הענדלען האָט ער אין שטוב

געלאָזן און אָנגעזאָגט: טיר און טויער האַלטן צוגעמאַכט און פון פענסטערל ניט אַרויסקוקן. זיצט זיך הענדל אין שטוב און זינגט זיך לידעלאַך שיינע. איינמאָל, קעצל איז

אין וואַלד אַוועק, האָט עס פיקסל-נאַשער דערשמעקט און איז גלייך צום שטיבעלע צוגעלאָפן און האָט זיך אויף אַ דין קולכל צעזונגען:

„קוקורעקו, הענדעלע,
מיטן גאָלדן קריינדעלע!
סאַמעט-ווייך קעפּעלע,
רויט ווי אַן עפּעלע!
דיין ברודער דער קלעניטשר
שטייט נעבן דיין פענסטער,
דיין שיין קעפּעלע באַווייז —
כ׳האָב געבראַכט אַ שיסעלע רייז!"

הענדל לויפט געשווינט צום פענסטערל צו און פּיקסל-נאַשער — כאַפּ-לאַפּ! און מיט הענדל גלייך אין וואַלד אַוועק. פּיקסל לויפט און הענדל שרייט:

„ס׳טראָגט מיך פּיקסל-נאַשער
איבער פעלד און וואַסער,
ווייט אין טיפן וואַלד!
ברודער קעצל, גוואַלד,
ברענג מיך צוריק אַהיים!"

קעצל דערהערט און קומט באַלד צולויפן און רייסט הענדלען פון פּיקסלס הענט אַרויס און אַנטלויפט צוריק מיט אים צוריק אַהיים. „זע-זשע, הענדל, הער זיך מער ניט צו, וואָס פּיקסל-נאַשער וועט דיר זאָגן. פונם פענסטער זאָלסטו קיינמאָל ניט אַרויסקוקן. אַניט קאָן דיך נאָך פּיקסל-נאַשער כאַפּן און אויפעסן, אפילו קיין ביינדל פון דיר ניט איבער-לאָזן!"

ווי קעצל איז נאָר אַוועקגעגאַנגען — פּיקסל איז שוין נאָכאַמאָל דאָ און זינגט זיך זיין לידעלע:

„קוקורעקו, הענדעלע
מיטן גאָלדן קריינדעלע!
סאַמעט-ווייך קעפּעלע,
רויט ווי אַן עפּעלע!
דיין ברודערל דער קלענסטער

שטייט נעבן דיין פֿענסטער,
געבראַכט האָט ער דיר
קערנדלאַך און אַ שיר״;

הענדל האַלט זיך קוים איין. דאָס האַרץ ציט, ס׳ווילט זיך כאַפּטיש דורך אַ שפּעלטעלע אַ קוק טאָן אויף די קערנדלאַך, וואָס פּיקסל-נאַשער האָט געבראַכט, נאָר ער האָט מורא.

דאָך האָט ער פּאַרט ניט אויסגעהאַלטן און האָט פֿון פֿענסטערל זיין קעפּל אַרויסגעשטעקט און פּיקסל — כאַפּ-כאַפּ, און האָט אים אַוועקגעטראָגן. פּיקסל לויפֿט און הענדל שרייט:

„ס׳טראָגט מיך פּיקסל-נאַשער
איבער פֿעלד און וואַסער
ווייט אין טיפֿן וואַלד.
ברודער-קעצל, גוואַלד,
ברענג מיך צוריק אַהיים״.

דערהערט קעצל, ווי הענדל שרייט, און לאָזט זיך אָן אָן אָטעם לויפֿן, רייסט הענדלען פֿון פּיקסלס הענט אַרויס און ברענגט אים צוריק אַהיים. — „זע-זשע, הענדל-ברודער, דאָס לעצטע מאָל זאָג איך דיר אָן: לאָז קיינעם ניט אַריין און פֿון פֿענסטערל קוק ניט אַרויס, מאָרגן וועל איך ווייט-ווייט אַוועקגיין, מעגסטו שרייען וויפֿיל דו ווילסט, איך וועל ניט הערן — פּיקסל וועט דיך כאַפּן און וועט דיך אויפֿעסן!״

קעצל איז נאָר אַוועק — פּיקסל איז שוין ווידער דאָ און זינגט זיך זיין לידעלע:

„קוקורעקו, הענדעלע,
מיטן גאָלדן קריינדעלע,
סאַמעט-ווייך קעפּעלע,
רויט ווי אַן עפּעלע!
געפּאָרן זייִנען פּריצימלאַך

און צעשאָטן גערשטעלאַך,
ס׳טאָ ווער ס׳זאָל אויפקלייבן,
ווער זאָל זיי צונויפנעמען!“

הענדל צאַפּלט, ס׳ווילט זיך אים כאַטש מיט איין אייגל אַ קוק טאָן, ווי זעען אויס די גערשטעלאַך, און שרעקט זיך. פּיקסל זעט, אַז הענדל שרעקט זיך, מאַכט ער: „ווי דו ווילסט זיך; ווילסטו — קוק, נישט — נישט, און איך האָב קיין צייט נישט צו וואַרטן אויף דיר!“

און איז זיך אַוועקגעלאָפן אין אַ זייט און זיך אונטער אַ בוים פאַרבאַהאַלטן. „ער איז אַוועק!“ — טראַכט זיך הענדל און קוקט פון פענסטערל אַרויס, און פּיקסל — כאַפּ-לאַפּ! און האָט אים אַוועקגעטראָגן.

הענדל שרייט און קיינער הערט אים ניט: קעצל איז זייער ווייט אין וואַלד פאַרגאַנגען. פּיקסל האָט הענדעלען צו זיך אהיים געבראַכט און אויפגעגעסן.

קען איך ניט פאַרשטיין

קומט אַ פויגל צו דער שויב
קלאַפּט זי צוויי מאָל אָן —
פויגל שיין דו, פויגל קליין,
וואָס זאָל איך דיר טאָן?

צוויץ-צוויץ-צוויץ און צוויץ-צוויץ-צוויץ,
און אַ וואָרט ניט מיין,
צוויץ-צוויץ-צוויץ און צוויץ-צוויץ-צוויץ,
קען איך ניט פאַרשטיין . . .

קומט אַ שטורם פון דער ווייט,
רייסט ער אויף די טיר —
שטורם בייזער, זאָג מיר וואָס
דו פאַרלאַנגסט פון מיר.

וואו-וואו-וואו און וואו-וואו-וואו,
און אַ וואָרט ניט מיין,
וואו-וואו-וואו און וואו-וואו-וואו,
קען איך ניט פאַרשטיין...

קום איך צו אַ וואַסערל,
הער איך ווי ער שרייט —
וואַסער ליבער, זאָג מיר וואָס
דיין געשריי באַטייט?

פּלו-פּלו-פּלו און פּלו-פּלו-פּלו,
און אַ וואָרט ניט מיין,
פּלו-פּלו-פּלו און פּלו-פּלו-פּלו,
קען איך ניט פאַרשטיין...

שושקעט זיך דאָס גאַנצע פעלד,
ווען איך גיי פאַרביי —
זאַנגען ליבע, זאָגט וואָס מיינט
אייער שושקעריי?

שו-שו-שו און שו-שו-שו,
און אַ וואָרט ניט מיין,
שו-שו-שו און שו-שו-שו,
קען איך ניט פאַרשטיין...

גרינס אויף שבועות

דער זומער, דער שטיפער איז אָנגעקומען, האָט אַ בלאָז געטאָן מיט זיין הייסן אָטעם, און אַלע קינדער, און אויך דעם אינגעלע מיטן רינגעלע, איז געוואָרן היים.

און ווי עס איז זיי געוואָרן היים, אַזוי האָבן אַלע אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאַפּאָטקעלאַך און פריילאַכע און פאַרשוויצטע האָבן זיי זיך צעזונגען:

קומט דער ליבער זומער, זומער,
שפּילן מיר אין זאַמד.
דאָ איז אונזער וואוינונג, וואוינונג,
דאָ איז אונזער לאַנד.

שוואַרצע קאַרשן רייסן מיר,
רויטע לאָזן מיר שטיין,
מאַמע רופט אין שטוב אַריין,
עס ווילט זיך גאָרניט גיין.

אַז עס ווערט אָבער אוונט, מוז מען שוין אַריין אין שטוב, ווארים מען דאַרף זיך דאָך לייגן שלאָפן. גייען אַלע קינדער, יעדעם אין זיין הויז אַריין לייגן זיך שלאָפן, און אינגעלע-רינגעלע אויך. חלומען אַלע קינדער, יעדעס קינד זיין חלום. און אינגעלע-רינגעלע חלומט זיך זיין חלום, אַלץ וועגן דעם, ווי ער גייט צום מלך אין פּאַלאַץ.

גייט ער אַזוי און גייט מיטן ברייטן וועג, און גייענדיק ווערט אים היים. טוט ער אויס דאָס קאַפּאָטקעלע און גייט ווייטער. און גייענדיק טראַכט ער וועגן די אַלע חדושים, וואָס ער וועט זען ביים מלך אין פּאַלאַץ, און וואָס ער וועט דאָרטן טאָן. ער זאָל כאָטש ניט פאַרגעסן צו

קריגן דאָס כשוף־פּייפעלע, מיט וועלכן דער מלך רופט אַרויס אַלע כשוף־מאַכער פון צויבער־אינזל!

און ווי ער גייט אַזוי מיטן ברייטן וועג, גייט און טראַכט, ערשט ער דערהערט מיטאַמאָל קולות זינגענדיק, אַזוי פריי־לאַך, אַזוי לוסטיק:

אין דעם חודש סיון,
די טעג זעקס און זיבן,
האָבן מיר שבועות,
אַ יום־טוב אַזאַ ליבן!

און מיר שניידן אַאיר,
און מיר שניידן גראָזן,
און די אַאיר פּייפן,
ווען די ליפּן בלאָזן.

און אינגעלע־רינגעלע האָט זיך דערמאָנט, אַז באַלד איז טאַקע שבועות און מען דאַרף אויספּוצן די הייזער מיט גרינס.

אָבער וואו זינגט מען דאָס? און ווער זינגט דאָס? און ער קוקט אין אַלע זייטן, וויל זען, פון וואַנען דאָס געזאַנג טראָגט זיך. און באַלד דערזעט ער פון אַ זייטיקן וועג אָנקומען אַ גאַנצע מחנה אינגלאַך.

די קאַפּאָטקעלאַך פון זיך אַראָפּגעוואָרפן, קומען אָן און זינגען דאָס לידל. שטעלט ער זיי אָפּ און פרעגט זיי: וואוהין גייט איר, קינדער?

ענטפערן זיי אַלע אין איין קול: — אנשניידן גרינס אויף שבועות.

פאַרגעסט זיך אינגעלע־רינגעלע, אַז ער דאַרף גיין צום

מלך אין פּאַלאַץ, און ער זאָגט צו די קינדער: — נעמט מיך אויך!

ענטפערן די קינדער: — דער וועג איז ברייט, קום אויך מיט.

טראַכט ער ניט און גייט מיט זיי אַוועק.

אין וועג פרעגן אים די קינדער:

— און אַ מעסערל האָסטו אויף צו שניידן דאָס גרינס?

ענטפערט אינגעלע־רינגעלע: — קיין מעסערל האָב איך ניט, נאָר איך האָב אַ רינגעלע.

צעלאַכן זיך די קינדער און זיי מאַכן:

— אַ רינגעלע האָסטו? און ווי אַזוי וועסטו דאָס שניידן מיט אַ רינגעלע?

ענטפערט אינגעלע־רינגעלע: — דאָס רינגעלע וועט ניט שניידן, אָבער דאָס וועט מיר געבן אַ מעסערל.

לאַכן ווידער די קינדער. זאָגט צו זיי אינגעלע־רינגעלע:

— לאַכט ניט! מיין רינגעלע איז ניט קיין פּראָסט רינגעלע, נאָר אַ צויבער־רינגעלע, און וואָס איך וויל, גיט דאָס מיר. אָט באַלד וועט איר טאַקע זען.

און אינגעלע האָט גענומען דאָס רינגעלע און אַ זאָג געטאָן צו אים:

„רינגעלע, רינגעלע,
טו מיר צוליב!
רינגעלע, רינגעלע,
אַ מעסערל גיב!

צי פון דעם הימל,
צי פון דער ערד,
אַ מעסערל גיב מיר,
שאַרף ווי אַ שווערד.

די קינדער האָבן שוין אָנגעגרייט די הויפּנס אויף צו לאַכן, אָבער זיי האָבן ניט געלאַכט, ווייל גלייך ווי אינגע־

לע־רינגעלע האָט אָפּגעזאָגט זיינע ווערטער איז פון דער ערד אַרויסגעשפּרונגען אַ מעסערל, אַ שפּאָגל־נײַ מעסערל, און זיך אַוועקגעלייגט ביים אינגעלעס פּיס.

די קינדער זיינען געבליבן שטיין פאַרגאַפטע, מיט אָפּע־נע מיילער און אַז זיי זיינען געקומען צו זיך פון זייער גרויס פאַרוואונדערונג, האָבן זיי אַלע אין איין קול גענומען שרייען: — אינגעלע־רינגעלע, זיי אונזער פירער!

און אינגעלע־רינגעלע איז געוואָרן זייער פירער און זיי זיינען געגאַנגען ווייטער. און זיי זיינען געגאַנגען און גע־גאַנגען, ביז זיי זיינען געקומען צו אַ געמייזאַכץ, וואו ס׳איז געוואָקסן אַאיר און וואַסערשטעקעלאַך און אַנדערע וואַסער־גראָזן, טאַקע דאָס, וואָס זיי האָבן גענדאַרפט האָבן.

נעבן געמייזאַכץ אָבער איז געשטאַנען אַ בושל אויף איין פוס, ווי זיין שטייגער איז. האָבן זיך די קינדער פאַר אים דערשראָקן. האָט דער בושל זיי באַרואיקט און גע־זאָגט צו זיי:

— האָט קיין מורא ניט, קינדערלאַך! איך וועל אייך ניט טשעפּען, איך טשעפּע נאָר די פרעש, וואָס אין געמיי־זאַכץ. זאָגט מיר נאָר וואוהין גייט איר?

ענטפערט אינגעלע־רינגעלע פאַר אַלע קינדער, וואָרים ער איז דאָך דער פירער:

— מיר גייען דאָ צום געמייזאַכץ אָנשניידן גרינס אויף שבועות.

בייט איבער דער בושל דעם פוס און קוקט אָן די קינ־דער און גיט זיי אַ פרעג:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שבועות? איר האָט דען געשוואָרן?

צעלאַכן זיך די קינדער און אינגעלע־רינגעלע האָט גע־ענטפערט דעם בושל:

— ניין, ס׳איז ניט שבועות, וואָס מען שווערט, נאָר ס׳איז שבועות אַ יום־טוב. שניידן מיר אָן גרינס און מיר מאַכן פון די גרינס רייזעלאַך, מגן־דודס און אַנדערע צאַצקעס

און פוצן אוים די הייזער דערמיט לכבוד יום־טוב. היינט מאַכן מיר נאָך פייפעלאַך פון די אַאיר מיט די וואַסערשטעקע־לאַך.

בייט דער בושל ווידער איבער דעם פּוס און ער מאַכט:

— אהאַ, איצט פאַרשטיי איך שוין. נו, טאָ גייט און שניידט אייך אָן גרינס וויפיל איר ווילט אַליין און האָט אייך אַ פריילאַך יום־טוב. אָבער די פרעש אין געמייזאַכץ זאָלט איר ניט טשעפּען!

ענטפערט אינגעלע־רינגעלע:

— מיר עסן ניט קיין פרעש, די מאַמעס וועלן אונז געבן יום־טוב בלינצעס און פּוטער־קיכלאַך מיט קאַווע.

זאָגט בושל: — נו, איז גוט, גייט שניידט!

זיינען די קינדער צוגעגאַנגען צום געמייזאַכץ און האָבן גענומען שניידן דאָס גרינס.

שניידן זיי און זיי זינגען. האָבן די פרעש דערהערט און זיי האָבן זיך דערשראָקן און באַהאַלטן זיך טיף אין געמייזאַכץ. נאָר איין פראָש, אַ אינגערער, האָט זיך דערוועגט אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ און אַ געשריי טאָן אויף די קינדער מיט זיין קוואַ־קוואַ־לשון:

— וואָס שניידט איר אוים דאָס גראָז פון מיין געמייזאַכץ?

מאַכט צו אים אינגעלע־רינגעלע:

— עס וועט נאָך בלייבן גענוג פאַר דיר, נאַרישער פראָש! דו שווייג בעסער און באַהאַלט דיין נארישן קאָפּ טיף אין געמייזאַכץ, ווארים אָט שטייט דאָ דער בושל.

ווי דער פראָש האָט דערהערט דעם נאָמען „בושל“, אזוי האָט ער פאַר שרעק געגעבן צוריק אַ שפּרונג אין געמייזאַכץ אַריין און באַהאַלטן זיך מיט אַלע פרעש צוגלייך.

און די קינדער האָבן אָנגעשניטן גענוג גרינס פון אַלע מינים און זיי זיינען אַוועק זינגענדיק אַהיים.

ווי עס קומט דער ליבער זומער

ווי עס קומט דער ליבער זומער,
קומען שוועלבעלאַך פון ווייט,
בליט דער קאַרשנבוים אין גאָרטן —
איז פאַר אונז די בעסטע צייט.

ווי עס קומט דער ליבער זומער,
איז אַ פרייד אין גאַנצן לאַנד,
שפילן מיידעלאַך אין צייכן,
שפילן אינגעלאַך אין זאַמד.

ווי עס קומט דער ליבער זומער,
קומט אַ יום-טוב אויף דער וועלט,
טאַנצט דאָס לעמעלע פאַר נחת,
זומט דאָס בינעלע און קוועלט.

אין ליליען־בעכער

דריי לבנה־שטראַלן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אין אַ ליליען־בעכער, אָנצוצינדן דאָרט די טוי־טראָפּנס, וואָס זײַנען אויפן דעק פונם בעכער אײַנגעפּאַסט געווען.

פּלוצלונג האָבן זיי זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ יונגער בין, וואָס האָט זיך אין דער בלום אַרײַן שלאָפן פאַרקליבן.

דערשפּירנדיק דאָס ליכט, האָט די בין פון שלאָף אַ ציטער געטאָן, מיט איר האָריק פּיסקעלע די אייגעלאַך אויס־געווישט און געפרעגט:

— איז שוין טאָג? און איך בין נאָך שלעפעריק.

— שלאָף נאָך, שלאָף; מיר זײַנען לבנה־שטראַלן און אָנצינדן די טוי־טראָפּנס זײַנען מיר געקומען; פאַרוואָס אָבער ביסטו ניט אַוועק שלאָפן אין דײַן בינשטאָק אַרײַן?

— ניט בליצט מיר אַזוי אין די אויגן, האָט זיך די בין געבעטן, — איך בין ניט שולדיק, וואָס די אַלטע האָבן מיך הײַנט געשיקט צום ערשטן מאָל זאַמלען האָניק צווישן די בליאַכן פון די לינדנביימער און מיר ניט דערציילט, אַז בלומענגערטנער זײַנען פאַראַנען. אַזוי שוועבנדיק, בין איך אַהער אין גאָרטן אַרײַנגעקומען, דאָ האָב איך זיך פאַרשטיפט מיטן ווינטעלע, מיט אים געשפּילט, דער טאָג איז אַריבער, און איך האָב קיין האָניק ניט געזאַמלט. איצטער האָב איך מורא זיך אַהיים צוקערן, די אַלטע זאָלן מיך ניט באַשטראָפן.

— ווילסטו, וועל איך דיר דײַנע אויגן אָנצינדן, און שוועב צו דײַן בינשטאָק; און אַז די אַלטע וועלן זען דײַנע ליכטיקע אויגן, וועלן זיי מיינען, אַז אַ יונגע קעניגין איז געקומען, וועלן זיי דאָרט פרײַ אויפעפענען פאַר דיר דעם בינשטאָק.

אַזוי האָט דער ערשטער שטראַל געזאָגט.



— ניין, — האָט די בין געענטפערט, איך וויל בעסער זיין פריי און צווישן די בלומען אַרומשוועבן, איידער צו זיין אַ קעניגין און אין דעם פינסטערן בינשטאָק שטענדיק צו זיין פאַרשפאַרט.

אונז האָט די מאַמע-לבנה געשיקט די טוי-טראָפּנס אָנצינדן און באַלייכטן און אַז די נאַכט וועט אַריבער, וועט זי אונז צוריק צו זיך רופן. ווילסטו, מיר זאָלן דיך שפּעטער צו אונז אויף דער לבנה אַרויפנעמען!

אַזוי האָט דער צווייטער שטראַל געזאָגט.

— צו אייך אויף דער לבנה? ניין, איך וויל ניט, — האָט די בין געענטפערט, — אָ, ווען די זונענשטראַלן וואָלטן מיך וועלן צו זיך אויף דער זון אַרויפנעמען, אָ, די זון!

— ניט רייד פון דער זון, — האָט דער דריטער שטראַל געציטערט. — אונזער מאַמע-לבנה האָט אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן דער זונס נאָמען ניט דערמאָנען און מיט אירע שטאָל-צע שטראַלן זאָלן מיר זיך ניט שפּילן, קיינמאָל ניט שפּילן.

— ניט רייד מיט איר, ניט רייד מיט איר, — האָט דער ערשטער שטראַל געציטערט דערשראָקן.

— לאָמיר בעסער... טסס... זי שלאָפט, לאָמיר שווייגן.

— האָט דער צווייטער געוואונקען.

— טסס... זי שלאָפט, לאָמיר זיך בעסער נעמען פאַר אונזער אַרבעט, — האָט דער דריטער געבלאָנקט.

און שטיל האָבן זיי זיך גענומען גליטשן איבער די טוי-טראָפּנס און זיי באַלייכטן.

— און בלומען וואַקסן דאָרט ביי אייך אויף דער לבנה?

— האָט נאָך פון שלאָף די בין געפרעגט.

מען האָט שוין מער ניט געענטפערט.

דער שטערנבער

א

פאַרצייטן, שוין זייער לאַנג צוריק, איז געוואָרן אויף דער ערד אַ גרויס טריקעניש. אַלע וואַסערן — אַלע טייכן, אַלע ברונעמס — זיינען אינגאַנצן אויסגעטריקנט געוואָרן, און פאַרוועלקט זיינען געוואָרן אַלע ביימער און ביימע־לאַך און בלומען און גרעזער. און מענטשן און אַנדערע לעבעדיקע באַשעפענישן זיינען געשטאָרבן פון דאָרשט.

איז אַמאָל פון אַ הויז אַרויסגעגאַנגען אַ מיידעלע מיט אַ קריגל אין האַנט — זוכן ערגעץ וואַסער פאַר איר קראַנ־קער מוטער. האָט זי אָבער אין ערגעץ קיין טראָפּן וואַסער נישט געפונען. און שרעקלאַך מיד איז זי שוין געווען, האָט זי זיך געלייגט אויפן פעלד אינעם אויסגעטריקנטן גראָז און פון מידקייט אַנטשלאָפן געוואָרן.

דאָס מיידעלע איז לאַנג געשלאָפן, און אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן דאָס קריגל און . . . שיר ניט פאַרגאָסן דאָס וואַסער פון אים: אַזוי פול איז עס געווען מיט גוט קלאָר וואַסער. האָט זיך דאָס מיידעלע דערפרייט און שוין געוואָלט אָנטרינקען זיך מיטן פרישן וואַסער. נאָר זי האָט זיך באַלד דערמאָנט, אַז עס וועט נאָך דערנאָך פעלן פאַר דער מוטער. האָט זי שוין ניט געטרונקען און איז אַהיים געלאָפן מיטן קריגל.

זי איז אַזוי געשווינט געלאָפן, אַז זי האָט נישט באַ־מערקט אויפן וועג אַ הינטל ביי אירע פיס. זי האָט זיך דערויף אָנגעשלאָגן און אַראָפּגעלאָזט דאָס קריגל. דאָס הינטל האָט אַ וויינענדיקן קוויטש אַרויסגעלאָזט, און דאָס מיידעלע האָט זיך געכאַפּט פאַרן קריגל.

זי האָט געמיינט, אַז דאָס וואַסער פון קריגל איז שוין

פאַרגאָסן, נאָר נײַן, — דאָס קריגל איז אויף דער ערד גע־
שטאַנען, און קיין איין טראָפּן וואַסער איז פון דעם נישט
פאַרגאָסן געוואָרן, האָט דאָס מיידעלע אָנגעגאָסן אַ ביסע־

לע וואַסער אויף דער האַנט און געגעבן דעם הינטעלע.
דאָס הינטעלע האָט געלעקט און זיך געפריים.

ב

דאָס מיידעלע האָט ווידער גענומען דאָס קריגל אין האַנט. ערשט עס איז פונם הילצערן קריגל געוואָרן אַ זילבערנס.

לויפט דאָס מיידעלע אַהיים און דערלאַנגט דער מוטער דאָס קריגל מיט וואַסער. זאָגט איר די מוטער: „איך בין אַזוי שוואַך און קראַנק, מיין ליב קינד, אַז איך וועל שוין סיי ווי מער ניט לעבן; נעם דו בעסער און טרינק אַליין.“ און אין דער רגע איז פון זילבערן קריגל געוואָרן אַ גאָלדנס.

אָבער דאָס מיידעלע איז שוין אַזוי פאַר׳חלש׳ט געווען פון דאָרשט, אַז זי האָט זיך מער ניט געקאָנט איינהאַלטן און שוין געוואָלט נעמען דאָס קריגל צום מויל און טרינקען. נאָר פונקט אין דער רגע עפנט זיך די טיר, און עס קומט אַריין אַן אַלטער מאַן און בעט, מען זאָל אים געבן אַ טרונק. האָט דאָס מיידעלע פאַרשטיקט אין זיך דעם דאָרשט און דערלאַנגט דעם אַלטן מאַן דאָס קריגל מיט וואַסער, און דאָ זיינען פון קריגל פלוצלונג אַרויסגעשפּרונגען זיבן גרויסע בריליאַנטן, און עס האָט אַרויסעשלאָגן אַ גאַנצער שטראָם מיט פריש וואַסער.

און די בריליאַנטן האָבן זיך אויפגעהויבן אַלץ העכער און העכער ביז צום הימל, און פון זיי איז געוואָרן דער גרויסער „שטערנבער“, וואָס מען זעט ביינאַכט צווישן די שטערן אויפן הימל.

פֿאַר די הענטלאַך

פֿאַר די הענטלאַך אין די רינגען
שיינע קליינע קינדער זינגען:
גאָט געטרייער, גיב אַ רעגן
פֿאַר די קליינע קינדערס וועגן!

ווייזט אַ וואָלקן זיך פֿון אויבן,
נעמען זיך די פֿעלדער שטויבן,
און אַ רעגן — פּערל ריין,
טריף־טראָפּ, טריף־טראָפּ — הויבט אָן גיין.

נעמען פֿעלדער זיך צעשפּרייטן,
ווייך צעאַקערטע אין בייטן —
ווערן גרינע קאָרן־זאַנגען
פֿון די בייטן אויפֿגעגאַנגען.

נעמט אַ טוי אויף זיי באַלד פֿאַלן,
וואַרעמט זיי די זון מיט שטראַלן,
ווערן פֿעלדער געל, ווי גאָלד,
פֿול מיט קאָרן, קאָרן־גאָלד.

קומען שניטער מיט די מעסער,
איינס פֿון צווייטן שאַרפֿער, גרעסער,
שניידן שניטער, שניידן, זינגען,
אַזש די שאַרפֿע מעסער קלינגען.

אַזש די פֿעלדער ווייט פֿאַרשטאַרבן:
אין דעם קאָרן אין די גאַרבן

ליגן זיי אין סקירדעס אויס,
ביז צום הימל הויך און גרויס.

נעמען פולע פורן פאָרן
פורן פאָרן, פירן קאָרן
דורך די בערג און דורך די טאָלן
אין די מילן דאָס צו מאָלן.

הויבן אָן די ווינטן ווייען,
און די מילן-פליגל דרייען,
מאָלן מילן, מאָלן שנעל
פון דעם קאָרן ווייסן מעל.

קנעט דער בעקער מעל מיט הוייון
און פאַרהייצט זיין גרויסן אויוון.
ברענט דאָס פייער, שייטלאַך קנאַקן,
נעמט דאָס ברויט זיך בעסער באַקן.

קויפן מאַמעס ברויט דעם פרישן
און דערלאַנגען אויף די טישן:
עסן קינדער פרישן ברויט —
זיינען זיי געזונט און רויט.



הינדעלע אוןהענדעלע

הענדעלע און הינדעלע זיינען אין ניס געגאַנגען. אָפּגערעדט האָבן זיי, טאָמער געפינט איינער אַ יאָדער — איז באַלד צעטיילט זיך מיטן צווייטן. האָט הינדעלע אַ גרויסן-גרויסן נוס געפונען און געמאַכט אַ שוויג, געוואָלט אויפעסן אַליין. דער יאָדער איז אָבער צו גרויס געווען און אין האַלז זיך געשטעלט. אָט ווערט זי דערוואָרגן. דאָ האָט הינדעלע גענומען שרייען: „אוי הענדעלע, ראַטעווע, לויף גיכער, ברענג וואַסער, איך בין פאַרביי“.



לויפט הענדעלע מיט פיס און פליגל צו דער קרעניצע: „קרעניצע, וואַסער גיב, הינדעלע ליגט אויפן נוס-באַרג, אַ יאָדער אַ גרויסן איינגעשלונגען און ווערט דערוואָרגן שיר“.

זאָגט די קרעניצע: „לויף אַריבער צו דער כלה, ברענג פון איר מיר רויטן זייד, וועל איך דיר וואַסער געבן“. לויפט הענדעלע צו דער כלה: „כלה, כלה, רויטן זייד גיב, רויטן זייד דער קרעניצע, קרעניצע וועט וואַסער געבן, וועל איך הינדעלען ברענגען וואָס ליגט אויפן נוס-באַרג, אַ יאָדער אַ גרויסן דערשלונגען און ווערט דערוואָרגן שיר“.

די כלה זאָגט: „לויף אַפריער, ס'קרענצל ברענג מיר, הענגט אויף יענעם ווערבע בוים“. לויפט הענדעלע צום

ווערבעגבוים, נעמט קרענצעלע פון צווייג אַראָפּ, דאָס קרענ־
צעלע — דער כלה. כלה גיט אים רויטן זייד, רויטן זייד
דער קרעניצע, קרעניצע גיט וואַסער, וואַסער פּאָרן הינדעלע.

ביז דאָס וואַסער איז אָנגעקומען, האָט הינדעלען דער
אָטעם שוין פאַרנומען.

זעט הענדעלע, דאָס הינדעלע ליגט טויט, נעמט ער וויי־
נען, יאָמערן. אַלע חיות זיינען זיך צונויפגעלאָפן מיט הענ־
דעלען אינאיינעם קלאָגן. זעקס מייז האָבן אַ וואָגן גע־
מאַכט, פאַר הינדעלעס לויה, די מייז האָבן אַליין זיך איינגע־
שפּאַנט און די פור געצויגן.

פאָרן זיי און פאָרן, באַגעגענען זיי אַ פוקס. ער הינקט,
נעבאַך, צו דער לויה פאַרשפּעטיקט. „קאָן מען זיך צוזעצן?"
„פאַרוואָס ניט, נאָר זעצט זיך, זייט מוחל, הינטן אין וואָגן,
פאָרנט קאָנען די פערד ניט פאַרטראָגן".

דער פוקס זעצט זיך און מ׳פאָרט ווייטער. באַגעגנט מען
אַ בער. ער הינקט. צו דער לויה פאַרשפּעטיקט. „קאָן מען
זיך צוזעצן?" „פאַרוואָס ניט נאָר זעצט זיך, זייט מוחל,
הינטן אין וואָגן, פאָרנט קאָנען די פערד ניט פאַרטראָגן".

דער בער זעצט זיך און מ׳פאָרט ווייטער. בעגעגנט
מען אַ וואָלף און אַ לייב און אַ העלפאַנט. אַלע הינקען זיי
און האָבן זיך פאַרשפּעטיקט צו דער לויה, זעצן זיי זיך
צו און מ׳פאָרט ווייטער. פאָרן און פאָרן און זעען אַ וואַסער.
ווי אַזוי קומט מען איבערן וואַסער! ליגט ביים ברעג אַ
שטרוי. זאָגט די שטרוי: „איך וועל זיך אויסציען, און
איר — איבער מיר". די שטרוי האָט זיך אויסגעצויגן, און
די זעקס מייז — אויף איר. ווי די מייז האָבן אַרויפגעטראָטן,
זיינען זיי באַלד מיט דעם בריק אין וואַסער אַראָפּ און ביז
איבערן קאָפּ. איז דאָך שלעכט. ליגט ביים בריק אַ ברע־
נענדיקע קויל. זאָגט די קויל: „איך וועל זיך לייגן, און
איר — איבער מיר". די קויל אין וואַסער — טיק און קוים
לעבעדיק צוריק. ווערט נאָך ערגער! ליגט ביים ברעג

אַ שטיין. אַ האַרץ פון אַ שטיין, קאָן הענדעלעם צער ניט צוזען, לייגט ער זיך אין וואַסער, הענדעלע אַליין שפּאַנט זיך איין, שלעפּט ער און שלעפּט דעם וואָגן. קוים אַרויס־געשלעפּט דעם פאָרנט מיט הינדעלעס אַרון, דעם הינטערטייל מיט די חיות אין וואַסער געמוזט לאָזן. אַלע ביז איינער צום גרונט אַראָפּ.

האָט הענדעלע אַ גריבעלע אויסגעגראָבן, הינדעלען דערין אַריינגעלייגט, אַ בערגעלע דערויף אָנגעשאָטן, אַליין אויפן בערגעלע געשטעלט זיך און אַזוי לאַנג געקלאָגט און געשריען ביז די נשמה איז אים אַרויס.

מיין שיפעלע

ס'האָט דער רעגן אויפגעהערט,
דער הימל איז שוין אויסגעקלערט,
נאָר די דעכער זיינען נאַס,
רינען טייכעלאַך אין גאַס,
רינען, רינען, רינען!

כ'האָב מיין שיפעלע געפונען,
אויפן וואַסער עס געלאָזט,
און עס קומט דער ווינט און בלאָזט,
יאָגט מיין שיפעלע געשווינט
אויף די פליגל פונם ווינט, —
פלי דיר, פלי, מיין שיפעלע!
און וואוהין פליסטו, שיפעלע?
— צו דער פרייער וועלט אַהין,

וואו ס׳איז ליכטיק, וואו ס׳איז גרין
פויגל זינגט, בלימל בליט. —
— שיפל, שיפל, נעם מיך מיט!



די קליינע מלכה

ערגעץ־וואו, ביי טאטע־מאמע, איז געווען אַ קינד, מלכה, אַ מיידעלע. אַלע האָבן זי גערופן „די קליינע מלכה", ווייל זי איז געוואַקסן זייער פּאַמעלאַך. צו ניין יאָר איז זי געווען גרויס ווי אַ קינד פון פינף יאָר. געווען אַזאַ שיי־נע, מיט ליכטיקע האָר און שיינע ליכטיקע אויגן. קלוגע אויגן. נאָר זי איז געוואַקסן פּאַמעלאַך.

קוקט מלכה אָן די קינדער אין אירע יאָרן און איז מקנא פאַרוואָס זיי וואַקסן אַזוי גוט און זי נישט.

— מאַמע, פאַרוואָס וואַקס איך ניט? פרעגט זי אַזוי טרויעריק און מיט טרערן אין די אויגן.

ענטפערט איר די מאַמע:

— וואַרט, מיין קינד, וועסט זען, דו וועסט אויסוואַקסן, וועסט נאָך זיין אַזוי גרויס, אַזוי גרויס, פּונקט ווי דו ווילסט, מיין קינד.

אַ סך מאָל ווען קיינער האָט ניט געזען, האָט זי אין דער שטיל געוויינט. און אַז די מאַמע האָט דאָס דערזען און געפרעגט:

— ווער האָט דיר בייז געטאָן, מיין קינד?

האָט מלכה געענטפערט:

— קיינער האָט מיר ניט געטאָן קיין בייז.

אָבער די מאַמע האָט גוט פאַרשטאַנען פאַרוואָס איר קינד וויינט.

מלכה האָט זיך געשטעלט אונטער'ן ערשטן זומער רעגן, כדי אַז דער רעגן וועט זי דורכווייקן וועט זי אויסוואַקסן גרויס פּונקט וויביימער, בלומען און גראָז וואַקסן פון רעגן. זי איז געשלאָפן מיט אויסגעצויגענע פיס גלייך, כדי זי זאָל וואַקסן גלייך און גרויס. אָבער וואָס קומט

אַרוים? זי איז נאָך אַלץ ניט גענוג גרוים. וואַקסט פּאַ־מעלאַך, זייער פּאַמעלאַך.

איינמאָל קומט מלכה אַרוים אין אַ פּאַרק מיט נאָך קינדער. זומער איז דאָס געווען. נעמט זי און גנב׳עט זיך אָפּ פון אַלע קינדער, גייט זי אַליין אַוועק און באַ־האַלט זיך אין גראָז הינטער אַ קאַשטאַנען בוים. אַרום און אַרום זיינען געוואַקסןביימער אַלערליי. יונגע ביימער. אַלטע ביימער. הויכע און נידעריקע. בוימער מיט בלעטער און ביימער מיט גרינע נאָדלען אַנשטאָט בלעטער. פייגעלאַך האָבן געפּייפט, געזונגען און געשפּרונגען פון בוים צו בוים. היישעריקלאַך האָבן געזעגט: זעג־זעג, זעג־זעג אין גראָז. ערגעץ־וואו הינטער אַ שטיין האָט אַ גריל געגרילט: גריל־בריל, גריל־בריל.

מלכה האָט זיך אַרומגעקוקט און צו אַלצדינג זיך צו־געהערט. האָט זיך צוגעהערט ווי אַ פויגל, דער האָלצפּיקער, פּיקט מיט זיין שאַרפן שנאָבל אין אַ קראַנקן בוים און זוכט ווערימלאַך אונטער דער צעפּוילטער קאָרע. און אַזוי אַליין פאַר זיך האָט זי אָנגעהויבן צו בעטן און מיט טרערן אין די אויגן שטיל געזאָגט:

— איך וויל אַזוי וואַקסן און זיין גרוים ווי אַלע קינ־דער אין מיינע יאָרן. איך וויל וואַקסן.

אַזוי האָט זי געבעטן און טרערן האָבן זיך אַרוים־געקייקלט פון אירע ליכטיקע אויגן, אַראָפּגעקייקלט איבער די באַקן און געפאַלן גלייך אין גראָז אַריין.

קומט צושפּרינגען אַ גרויע וועווערקע, זעצט זיך אַני־דער אויף די הינטערשטע פיס אַנטקעגן מלכה׳ן. פאַר־לייגט דעם האָריקן ווידל אויפן פּלייצע און קוקט אָן מלכהן גלייך אין די אויגן אַריין. מלכה איז געזעסן שטיל און געוואַרט אפשר וועט די וועווערקע איר עפּעס זאָגן. (ווע־ווערקעס קענען ריידן. און ווער עס וויל, דער קען פאַר־

שטיין זייערע רייד. מלכה האָט פאַרשטאַנען.) און די וועוועוועקע האָט איר געפרעגט:

— פאַרוואָס זיצסטו דאָ אַליין און דו וויינסט? אפשר ביסטו הונגעריק, זאָג, וועל איך פאַר דיר אויסגראָבן ניסעלאַך וואָס איך האָב באַגראָבן אין דר'ערד אויפן ווינטער. גוטע מענטשן האָבן מיר אַ סך ניסעלאַך געגעבן און איך האָב זיי דאָ ניט ווייט באַגראָבן אין דר'ערד — ווילסטו, זאָג, וועל איך פאַר דיר אויסגראָבן ניסעלאַך. געשמאַקע ניסעלאַך.

האָט מלכה צו איר אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— ניין, איך בין ניט הונגעריק. האָב דיר דיינע ניסלאַך פאַר דיר. איך וויין דערפאַר וואָס איך וואַקס אַזוי פּאַמעלאַך און בין קלענער פון אַלע קינדער אין מיינע יאָרן.

זאָגט צו איר די וועוועוועקע:

— און וואָס אַרט דיך, אַז דו ביסט קליין? קוק אויף מיר, איך בין נאָך קלענער. אָבער דערפאַר קען איך קלעטערן אויף די ביימער. דו ביסט נאָך צו גרויס, אוי, דו ביסט דאָך אַזוי גרויס! ווען דו ביסט אַזוי גרויס ווי איך יעמאָלט וואָלט איך דיך מיטגענומען אַט אויף יענעם הויכן בוים. דאָרט אין בוים איז דאָ אַ גרויסע לאָך וואו איך קען אַריינקריכן און אַרומלויפן, שטיפן און איבערקערן זיך. אַ סך וועוועוועקעס קענען אַהין אַריינקריכן און זיך באַהאַלטן. אָבער דו ביסט נאָך צו גרויס, וועסט אַהין ניט קענען אַריינקריכן.

דערווייל האָט פּלוצלונג עפּעס אין דער הויך אַ פּאַטש געטאָן מיט די פליגלען. די וועוועוועקע האָט זיך דערשראָקן און אַנטלאָפן. מלכה האָט זיך אויך דערשראָקן, אָבער זי איז געבליבן זיצן אויף איר אָרט. און דאָס איז גאָר געווען אַ ווייסע טויב מיט בלווילאַבע פעדערן אויפן האַלז. אַ טויב וואָס גוטע מענטשן האָבן זי אויסגעלערנט ניט מורא צו

האָבן. און אַז מען האָט איר געגעבן קערנדלאַך האָט זי געקליבן, ווען אפילו מ׳האָט די קערנדלאַך געהאַלטן אין האַנט. און אַז מלכה האָט אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנט און געבעטן, אַז די וועווערקע זאָל צוריק קומען — האָט זיך גאָר די טויב אַנידערגעשטעלט אויף איר האַנט. האָט מלכה גע־האַלטן רואיק די האַנט און די טויב איז געבליבן שטיין אויף איר האַנט: אַרומגענומען מיט אירע פינגערלאַך מלכהס גראָבן פינגער פון דער רעכטער האַנט און אַזוי געשטאַנען. מלכה האָט געשוויגן און געוואַרט. אַז די טויב זאָל איר עפּעס זאָגן (טויבן קענען ריידן און ווער עס וויל קען פאַר־שטיין זייערע רייד. מלכה האָט פאַרשטאַנען). זאָגט צו איר די טויב:

— איך ווייס, אַז מען רופט דיך מלכה. ביי דיין מאַמעס טיר האָב איך אַ סך מאָל געקליבן קערנדלאַך. און אַ סך מאָל האָב איך געזען דורכן פענסטער ווי דו האָסט גע־וויינט. זאָג מיר, מלכה, פאַרוואָס וויינסטו?

קוקט מלכה אָן דער טויב און ענטפערט:

— איך בין שוין אַלט ניין יאָר און איך בין קלענער פון אַלע קינדער אין מיינע יאָרן. איך וויל אַזוי אויסוואַקסן אַ גרויסע, און איך וואַקס ניט. דעריבער וויין איך אַלעמאָל.

זאָגט צו איר די ווייסע טויב:

— אוי, דו ביסט דאָך אַזוי גרויס! אָט קען איך שטיין אויף איין פינגער דיינעם. ווען דו ביסט נאָך קלענער, גאָר קלענער און ווען דו האָסט נאָך פליגל ווי איך, יעמאָלט וואָלטן מיר ביידע זיך אַוועקגעלאָזט פליען העכער איבער אַלע ביימער. אַזוי הויך וואָלטן מיר געפלויגן אַזש ביז צו די וואָלקן. ביסטו אָבער אַזאַ גרויסע, אַזאַ גרויסע.

דערווייל טוט דער ווינט אַ בלאָז איבער מלכהס קאָפּ און מיט מלכהס לאָקן אַ טרייב געטאָן דער טויב. די טויב האָט זיך דערשראָקן, געמיינט, אַז אימיצער וויל איר בייז טאָן, אַ פּאַטש געטאָן מיט די פליגל און איז אַוועקגעפלויגן.

קומט צופליען אַ זומערפייגעלע. אַ באַבעלע, מיט רויטע און שוואַרץ־באַשפּרינקלטע פליגעלאַך. געקומען צופליען און זיך אַנידערגעשטעלט ביי מלכהן אויפן לינקן אַקסל. איז מלכה געזעסן שטיל און געוואַרט, אַז דאָס זומערפייגעלע זאָל איר עפּעס זאָגן (זומערפייגעלאַך קענען ריידן און ווער עס וויל קען פאַרשטיין זייערע רייד. מלכה האָט פאַרשטאַנען). טוט דאָס זומערפייגעלע אַ פּאַך מיט די רויטע און שוואַרץ־באַשפּרינקלטע פליגעלאַך און זאָגט:

— איך ווייס, איך ווייס וואָס דו האָסט גערעדט מיט דער וועווערקע און מיט דער טויב. איך ווייס פאַרוואָס דו וויינסט אין דער שטיל. דו מיינסט, אַז דו ביסט זייער קליין. אוי, דו ביסט דאָך אַזוי גרויס! מיר איז אַזוי גוט צו שטיין ביי דיר אויפן אַקסל!

הערט מלכה ווי די גראָזן אַרום איר זינגען אין דער שטיל:

„מלכה איז אַ גרויסע,

„מלכה איז אַ גרויסע“.

און מיט אַמאָל הערט זי ווי די ביימער זאָגן איינער צום אַנדערן — וויגן זיך איינער צום אַנדערן און זאָגן:

— קוקט נאָר, קוקט ווער עס איז געקומען צו אונז! קוקט נאָר גוט, מלכה איז געקומען צו אונז — ווי אַ יונגער בוים וואַקסט זי!

— ווי אַ ווערבע וואַקסט זי, — האָט געזאָגט אַ ווערבע בוים.

— ווי אַ קאַשטאַנען־בוים וואַקסט זי, האָט געזאָגט דער קאַשטאַנען בוים.

אַ גאַנצן טאָג איז מלכה אַליין געזעסן הינטער'ן בוים און זיך איינגעהערט וואָס די ביימער, בלומען און גראָזן האָבן איר געזאָגט. און זי האָט געשפּירט ווי זי וואַקסט און וואַקסט. די זון איז שוין פאַרגאַנגען, ווען די קינדער

האָבן זיי געפונען. לאַנג האָבן זיי מלכה׳ן אַרומגעזוכט. און אַז די קינדער האָבן זי דערזען, האָבן זיי זיך שטאַרק פאַרוואונדערט וואָס זי זיצט אַליין הינטער אַ בוים.

— זעט נאָר, זעט, — האָט איין קינד אויסגעשריען, — אַ זומערפייגעלע שטייט ביי מלכהן אויפן אַקסל און האָט גאָר קיין מורא ניט!

מלכה האָט זיך אויפגעהויבן שטיל און פּאַמעלאַך כדי ניט איבערצושרעקן דאָס זומערפייגעלע און אַזוי איז זי געגאַנגען צווישן די קינדער מיטן זומערפייגעלע אויפן אַקסל. זי האָט געשפּירט, אַז פאַרן טאָג איז זי אויסגעוואַקסן, אַ סך אונטערגעוואַקסן. דאָס זומערפּייגעלע, איידער עס איז אַוועק־געפלויגן פון איר אַקסל, האָט נאָך אַ פּאָך געטאָן מיט די פליגעלאַך און געזאָגט:

מלכה איז אַ גרויסע,
מלכה איז אַ גרויסע!

פון יענעם טאָג אָן האָט טאַקע מלכה אָנגעהויבן צו וואַקסן. אַלע האָבן עס געקענט זען. טאַטע־מאַמע און אַלע, אַלע. אַז זי איז אַלט געוואָרן צען יאָר איז זי געווען גרויס ווי קינדער אין אירע יאָרן. די קינדער האָבן זי נאָך אַלץ גערופן די „קליינע מלכה“.

אָבער מלכה האָט זיך שוין פון דעמאָלט אָן בעסער צוגעהערט וואָס די ביימער, גראָז און בלומען האָבן איר געזאָגט, — וואָס טויבן און זומערפייגעלאַך האָבן איר געזאָגט. און זיי האָבן צו איר געזונגען:

„מלכה איז אַ גרויסע,
„מלכה איז אַ גרויסע...“

נאָכן זומער

דער ליבער זומער
איז אַוועק.
רעגנס קאַפּען
גאַנצע טעג.

נאַסע ווינטלאַך
בלאָזן קאַלט,
טרייבן פייגל
פון דעם וואַלד.

פייגעלאַך, פייגעלאַך
פליט מיט גליק,
געזונטערהייט, נאָר
קומט צוריק!



עס איז געוואָרן האַרבסט

דעם קליינעם העזעלע איז ניט גוט אויף די פייכטע בלעטער אין וואַלד.

פריער איז פריילאַך געווען פון די ווייסע בלומען און איצט האָבן זיך די בלומענבלעטלאַך גאָר פאַנאַנדערגעוויינט און זיי זיינען נאַס.

לויפט אַרום דאָס העזעלע איבער די געלע בלעטער אין וואַלד און האָט מורא פאַר דעם געראודער, וואָס עס ווערט פון זייער שורשען. לויפט ער אַרום מיט די קאַלטע לאַפּקעס און טרייסלט מיט די אויערן און שרעקט זיך.

ס'טריפט אַ רעגן. די גאַנצע קרויט האָט מען שוין פון גאָרטן אַרויסגענומען און דאָס העזעלע האָט ניט וואָס צו גנבענען. איז דאָס הונגעריק.

שטעלט זיך אַוועק דאָס העזעלע אונטער אַ סאָסנע־בוים און פאַרטראַכט זיך. טראַכט ער זיך וועגן זומער. וואָס איז געווען, טראַכט ער וועגן גאָרטן מיט די קרויט און בעט זיך אַזוי: — איין ביסעלע וואַרימער... איין ביסעלע טריקענער...

און אינמיטן טוט גאָר אַ גאָס אַ רעגן. דערשרעקט זיך דאָס העזעלע און עס לויפט, און עס לויפט מיט אָנגע־שטעלטע אויערן זיך צו באַהאַלטן.

ניט גוט איז דעם קליינעם העזעלע אויף די פייכטע בלעטער אין וואַלד.



ווינט

איבער פעלדער, איבער וועלדער,
איבער שטעט און איבער הויפן
הערט דער ווינט ניט אויף צו לויפן,
הערט דער ווינט ניט אויף צו ווייען —
און קיינער האָט אים ניט געזען...

גייט אין פעלד פון דאָרף אַ מיידל,
לויפט אַנטקעגן איר אַ פּיקסל.
„מיידל, מיידל, טייער מיידל" —
רופט זיך אָפּ דאָס געלע פּיקסל:
„זאָג מיר, האָסטו ניט געזען,
וואו די שלעכטע ווינטן ווייען,
וואו די שלעכטע ווינטן יאָגן,
אפשר קאָנסטו, מיידל, זאָגן?
כ'האָב געהאַט אין וואַלד אַ שטיבל,
ניט קיין שטיבל, נאָר אַ גריבל —
איז אַ ווינט אַראָפּגעקומען
און דאָס שטיבל מיר צענומען,
זיינען פּיקסעלאַך, די זיבן,
אָן אַ שטיבעלע געבליבן.
אפשר קאָנסטו, מיידל, זאָגן
וואו די שלעכטע ווינטן יאָגן?"

זאָגט אַזוי דאָס שוואַרצע מיידל:
„טייער, טייער, טייער פיקסל,
איבער פעלדער, איבער וועלדער,
איבער שטעט און איבער הויפן,
הערט דער ווינט ניט אויף צו לויפן,
הערט דער ווינט ניט אויף צו ווייען,
קיינער האָט אים ניט געזען“.

דעם זיידנס רעגנשירם

עטעלע און מאָטעלע זיינען געווען שוועסטער און ברו־דער. מאָטעלע איז געווען אַכט יאָר און עטעלע זעקס.

ביידע האָבן אַלעמאָל געוואָלט גיין אונטערן זיידנס רעגנ־שירם בעת אַ רעגן.

איז דאָס ניט געווען קיין גרינגע זאַך. דער זיידע האָט טייער געהאַלטן זיין רעגנשירם, אים געהיט און ניט אָפּ־געלאָזט פון אויג, ווי ער וואָלט געוואוסט פון עפּעס אַזעלכע וואונדערלאַכע מעלות, וואָס זיין שירם האָט אין זיך.

האָבן מאָטעלע און עטעלע אָפּגעמאַכט, אַז ווען עס וועט אָנהויבן רעגענען און דער זיידע וועט איינדרעמלען איבערן ספר, אָדער זיך פאַרקוקן און פאַרטראַכטן, ווי זיין געוואוינהייט, וועלן זיי אַ נעם טאָן זיין שירם און שטילערהייט אַרויס פון שטוב, מ'זאָל ניט וויסן. זיי וועלן זיך דורכגיין אַביסל, קומען צוריק און אַוועקשטעלן דעם שירם וואו זיי האָבן אים גענומען.

איז גראָד נישט געגאַנגען קיין רעגן. די הימלען זיינען געווען קלאָרע, בלויע.

האָט עטעלען פאַרדראָסן, וואָס עס גייט ניט קיין רעגן. האָט איר מאָטעלע געזאָגט, אַז אַ רעגן קען ניט קומען איידער וואָלקנס באַווייזן זיך אויפן הימל.

אײן טאָג האָט עטעלע, אַ דערפֿרײטע, געזאָגט צו מאָ־
טעלען:
— מאָטעלע, הײנט װעט גײן אַ רעגן.
— פֿון װאַנען װײסטו, עטעלע?
— װײל ס׳איז דאָ אַ פֿולער הימל מיט װאָלקנס.

און אַזױ איז טאַקע געװען. קעגן פֿאַרנאַכט האָט אָנ־
געהײבן קלאַפּן אַ קלײן, שיטער רעגנדל, אַ װינטל האָט זיך
אױך געפֿעדערט.

דער זײדע האָט געקוקט אין ספֿר װי זײַן שטײגער איז.
נאָר זײַן פּנים האָט געלאַכט, האָבן די קינדער ניט גע־
װאוסט צי ער לײענט, צי ער דרעמלט. נאָר באַלד איז זײ
קלאָר געװאָרן, אַז ער דרעמלט. האָט מאָטעלע אַ נעם
געטאָן דעם שירם און אױף די שפּיץ פֿינגער זײַנען זײ
אַרױס פֿון הױז.

דעם זײדנס רעגנשירם איז געװען אַ גרױסער, אַ שװע־
רער, אָבער ער האָט זיך גרינג געעפֿנט: אַ דריק אַ שרײַפֿע־
לע און דער שירם גיט זיך אַ פּראַל אױף פֿון זיך אַלײן.

דער שירם האָט געהאַט אין זיך אַ סך שרײַפֿעלאַך, נאָר
די קינדער האָבן ניט געװאוסט צו װאָס מ׳דאַרף זײ.

מאָטעלע און עטעלע זײַנען אַרונטער אונטערן שירם און
באַלד האָבן רעגן און װינט זיך גענומען שטאַרקן. נאַכט
איז געקומען, ס׳איז געװאָרן אומעטיק, פֿינסטער, און דער
װינט האָט געצױגן אין דער הױך. מאָטעלע האָט ניט גע־
קאָנט אײַנהאַלטן דעם שירם, האָט עטעלע צוגעלײגט אירע
בײדע הענטלאַך אים צו העלפֿן. און — דאָ הײבט זיך אָן
די װאונדערלאַכע געשיכטע — דער װינט האָט דעם רעגנשירם
און מאָטעלען און עטעלען אױפֿגעהױבן אין דער הױך, און
זײ האָבן גענומען פֿליען אין דער לופֿטן, װי אַ לופֿט־באַלון.
מאָטעלע און עטעלע האָבן זיך אָנגעהאַלטן אָנם שירם
מיט אַלע כּחות, זײ זאָלן ניט אַרונטערפֿאַלן.

דערװײל האָט עטעלע גאָר אומגערן אָנגערירט עפּעס אַ

שרייפעלע — און אַט זיצן זיי שוין ביידע אין אַ טיפֿן ווייכן סאַמעט־שטול.

זיי זיינען געפֿלויגן אַלץ העכער און העכער, איבער־הייזער און איבער הויכע קוימענס.

דערווייל האָט זיך פֿאַרשטאַרקט דער ווינט, עס האָט אויסגעבראָכן אַ שטורם, עס האָט גענומען דונערן און בליצן.

דעם ציידנס שירם שיצט מאַטעלען און עטעלען פֿון שטורם. אָבער עס איז זיי געוואָרן אומעטיק. און עטעלע פֿרעגט:

— מאַטעלע, וואָס וועט זיין? וואוהין פֿליען מיר?

טרייסט זי מאַטעלע:

— ס'וועט גאָרנישט זיין. מיר וועלן זיך אַביסל דורכ־פֿליען אין דער לופֿטן. דערנאָך וועט דעם ציידנס רעגנשירם אונדז אַראָפּלאָזן צוריק נעבן אונזער הויז.

שטאַרק זיכער איז מאַטעלע ביי זיך ניט געווען. ער האָט עס געזאָגט נאָר ווייל ער איז געווען עטעלעס עלטע־רער ברודערל און ער האָט זי געוואָלט באַרואיקן.

זאָגט עטעלע:

— ווען ס'איז כאָטש ליכטיק.

האָט מאַטעלע אַ טראַכט געטאָן: מען דאַרף אַ דריק טאָן נאָך אַ שרייפעלע. אַ דריק געטאָן אַ שרייפעלע — האָבן זיך אָנגעצונדן אונטערן שירם רויטע, גרינע און גאָל־דענע פֿייערלאַך. מאַטעלע און עטעלע האָבן זיך שטאַרק דערפֿרייט מיט דער ליכטיקייט.

— ווען מיר האָבן כאָטש אַ טישעלע, — האָט עטעלע זיך געבעטן.

מאַטעלע האָט אַ דריק געטאָן נאָך אַ שרייפעלע, און ס'איז געוואָרן אַ טישעלע.

איבערן רעגנשירם האָט געגאָסן אַ מבול, ווינטן האָבן געברומט, עס האָבן געקנאַלט דונערן און אַרום שוואַרצן הימל האָבן בליצן, ווי פֿייערדיקע בייטשן, זיך אויסגע־שלייפֿט און אָפּגעשלייפֿט.

זיי זיינען געפלויגן אַלץ ווייטער און ווייטער ניט ווייסנדיק וואוהין און ווי לאַנג זיי וועלן אַזוי פליען.

עטעלע האָט ווייטער געזאָגט:

— ווען מיר האָבן כאָטש וואָס צו עסן.

אַ דריק געטאָן נאָך אַ שרייפעלע — און אָט שטייט אויפן טישל וואַרימע מילך, חלה מיט פוטער און צוויי גרויסע רויט-גרינע עפּל.

אַז זיי האָבן אָפּגעגעסן, האָט זיך עטעלע דערמאָנט צו זאָגן:

— ווען ס׳זאָל זיין כאָטש אַ קישעלע!

נאָך אַ קליין שרייפעלע אין שירם האָט געבראַכט צוויי זיידענע קישעלאַך.

דאַן האָט מאָטעלע באַפּעלן:

— מער, עטעלע, זאָלסטו קיין זאַך ניט בעטן. מיר קאָנען נאָך אָנרירן אַ שרייפעלע אויף אַראָפּצולאָזן זיך, און דאָס קאָן זיין אין אַ וואַלד אָדער איבער אַ ים.

האָט עטעלע צוגעזאָגט מער גאָר ניט בעטן ביז מאָרגן אין דער פרי.

מאָטעלע מיט עטעלען האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער זיידע האָט געוואוסט פון די וואונדער וואָס זיין רעגנשירם קאָן באַווייזן, דערפאַר האָט ער דאָס שטענדיק אַזוי געהיט.

— און ס׳קאָן זיין, אַז דער זיידע איז אַ סך מאָל זיך דורכגעפלויגן מיט זיין שירם אין דער לופטן. דערפאַר ווייס ער אַזוי פיל מעשיות צו דערציילן, — האָט מאָטעלע געזאָגט צו עטעלען.

— ס׳קאָן זיין, האָט עטעלע צוגעגעבן.

אַזוי ריידנדיק זיינען זיי איינגעשלאָפן. האָט זיך זיי געחלומט, אַז זיי זיינען אַרום זייער היים, קוקן אַריין דורך די פענסטער, און קיינער איז גאָר ניט באַזאָרגט וואָס זיי זיינען ניטאָ. נאָר אָט הערן זיי ווי די מאַמע זאָגט צום טאַטן: „דרויסן איז אַזאַ בייזער שטורעם, גיי זע צו די

קינדער זיינען גוט איינגעדעקט". רופט זיך אָפּ דער זיידע: „אַט וועל איך גיין". און ער שמייכלט. און אַט קומט ער צוריק און זאָגט צו דער מאַמען: „די קינדער שלאָפן גע־שמאַק". ווילן זיי אָנהויבן שרייען דורכן פענסטער, אַז ס'איז ניט אמת: זיי זיינען ניטאָ אין דער היים, זיי זיי־נען ווייט פאַרפלויגן מיטן זיידנס רעגנשירם, האָבן זיי זיך אויפגעכאַפּט.

דער שטורעם איז שוין געווען אַריבער. ס'איז געווען ליכטיק און וואַרעם. האָבן זיי אָנגערירט דאָס לעצטע שריי־פּעלע — און דער רעגנשירם האָט זיך אָנגעהויבן אַרונ־טערצולאָזן.

אַרונטער, אַרונטער, אַט זעען זיך שוין שפּיצן בוימער, פעלדער, אַט שטייען זיי שוין אויף דער ערד. דער רעגנ־שירם פאַרמאַכט זיך, ווי אַלע רעגנשירמס.

מאַטעלע און עטעלע האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן, וואו זיי זיינען דאָ. קיין מענטשן ניטאָ, קיין הייזער אויך ניט. צי איז דאָ ניט אַמאָל אַ הייל פון גזלנים, צי בייזע חיות, נאָר אַלץ איז דאָ אַזוי שיין, אַזוי זוניק, און בלומען וואַקסן אומעטום.

מיט אַמאָל דערזעען זיי אויף אַ קליינעם גאָלדענעם שטולכל זיצט אַ ליאַלקע אָנגעטאָן ווי אַ פּרינצעסן. זי שמייכלט און זאָגט צו זיי:

— אַך, וואָסערע ליבע, טייערע געסט! וואָסערע ריזן איר זיינט! זיינען ביי אייך אין לאַנד אַלע אַזוינע גרויסע, ווי איר?

האָבן מאַטעלע און עטעלע ניט געוואוסט וואָס צו ענט־פערן. זיי ווייסן, אַז זיי זיינען נאָך קליינע קינדער וואָס דאַרפן ערשט אויסוואַקסן און ווערן גרויסע.

נאָר די ליאַלקע פּרינצעסן וואַרט ניט אויף קיין ענט־פער און זי רופט אויס:

— העי, איר שרעטעלאַך קלײנינקע, קומט צוגײן, קומט צושפּרינגען, װעט איר זען געסט, ריזן.

זײנען אָנגעלאָפן ליאַלקע־שרעטעלאַך אין די הונדערטער. זײ האָבן געטאַנצט, געשפּרונגען און זיך געקוליעט פֿאַר גרױס פֿרײד, װאָס זײ זעען אַזױנע ריזן, װי מאָטעלע און עטעלע.

— מאַכט פֿרישטיק, — האָט די ליאַלקע פּרינצעסן זײ באַפֿעלן און באַלד זײנען אָנגעבראַכט געװאָרן אָראַנדזשן, טײטלען און פֿײגן, קריגעלאַך מיט האָניק און אַנדערע גוטע זאַכן...

נאָר מאָטעלע מיט עטעלען שטײען אומעטיקע.

קערט זיך אום צו זײ די פּרינצעסן און זאָגט:

— װאָס קאָנען מיר טאָן פֿאַר אײַך, ליבע ריזן? מיר װילן זײן גוט צו אײַך און פֿרײנטלאַך.

דערצײלן מאָטעלע מיט עטעלען דעם גאַנצן אמת. זײ זײנען נאָך אַלײן, — זאָגן זײ, — קינדער, און זײ האָט זיך פֿאַרװאָלט גײן אַביסל אונטערן זײדנס שירם, האָט אַ װינט און אַ שטורם זײ פֿאַרטראָגן אַהער. זײ פֿרײען זיך, װאָס גראַד אַהער, װײל דאָ זײנען אַלע אַזױנע גוטע... אָבער דאָס ערשטע, װאָס זײ װילן, איז לאָזן װיסן טאַטע־מאַמע און דעם זײדן, אַז זײ זײנען געזונט און זײ װילן זיך אומקערן װאָס גיכער אַהײם.

זאָגט די פּרינצעסן:

— שרײבט אָן אַ בריװעלע.

האָבן זײ אָנגעשריבן, אָבער זײ זײנען נאָך אַלץ געװען אומעטיק: װער װעט דאָס בריװעלע קענען נעמען אַהין?

שמײכלט די פּרינצעסן און רופֿט:

„װײס טײבעלע, קום צופֿליען,
מירן דיר מיט װאָס באַמיען,
נעם אַ בריװעלע צו טאַטע־מאַמען,
זאָלסט זיך נאָר אין װעג ניט זאַמען“.

קומט צופליען אַ ווייס טייבעלע און שטעלט זיך אויף דעם אַקסל פון דער פּרינצעסן, זאָגט צו איר די פּרינצעסן:

„וואַרף ס'בריוועלע דורכן שייבל,
ליבע, קליינע, ווייסע טייבל.
זאָג: כאָטש די קינדער זיינען ווייט,
זיינען זיי צווישן גוטע לייט".

דאָס טייבל מיטן בריוול אין שנאָבל האָט זיך גע־לאָזט פליען. מאָטעלע און עטעלע האָבן זיך געזעצט עסן פרישטיק מיט דער ליאַלקע פּרינצעסן.

נאָכן עסן איז מאָטעלע אַוועק מיט די שרעטעלאַך אויסקוקן זייער גאַנץ לאַנד און עטעלע איז געבליבן מיט דער ליאַלקע, ווי צוויי חברטעס, זיך דערציילן מעשיות.

זאָגט עטעלע צו דער פּרינצעסן:

— איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ שיינע ליאַלקע ווי דו ביזט, ווי הייסטו?

— איך הייס מלכה און בין די מלכה פון אַלע ליאַלקעס אין דער וועלט. דאָ איז אונזער לאַנד. דאָ לעבן מיר און שפּילן זיך, אָבער אַז מ'ברענגט אונז אין אייער לאַנד שמייכ־לען מיר בלויז.

זאָגט עטעלע צו איר:

— ווי נאָר מיר וועלן קומען צופליען מיטן זיידנס שירם אהיים, וועל איך בעטן מיין טאַטן ער זאָל מיר קויפן אַזאַ שיינע ליאַלקע ווי דו ביזט און איך וועל זי אַ נאָמען געבן מלכה.

האָט פּרינצעסן מלכה זיך שטאַרק געפרייט און שיין באַדאַנקט עטעלען.

אַ גאַנצן טאָג האָבן מאָטעלע און עטעלע פאַרבראַכט אין דעם שיינעם לאַנד פון די ליאַלקעס. די שרעטעלאַך האָבן געטאַנצט און זיך לוסטיק געמאַכט, ליאַלקעס האָבן גע־זונגען לידער פאַר מאָטעלען און עטעלען און ס'איז געווען פריילאַך.

ביינאַכט זיינען אַלע געגאַנגען אויף זייערע ערטער. פאַר מאַטעלען מיט עטעלען, אַזוינע ריזן, האָט מען געמוזט מאַכן נייע בעטן.

אַז מאַטעלע און עטעלע האָבן זיך אויפגעכאַפּט, זיינען זיי ביידע געשטאַנען שוין נעבן זייער הויז.

אויף איין פיסעלע

אַמאָל איז געווען אַ אינגעלע
האָט ער געהייסן ניסעלע.

גייט ניסעלע, שפרינגט אויף איין פיסעלע
אַזוי לאַנג, אַזוי ווייט,
ביז ער קומט הינטער שטאָט.

הינטער שטאָט לויפט אַ פערדל אַרום
אַ ווייס געשלאָגן אין גילדערנע טאָלער.
פרעגט ניסעלע:
— ווער ביסטו, וואוהין פליסטו?
— איך בין פערדעלע־קאַפּערדעלע־לאַמטעדערערדעלע,
ווי דער ווינט, בין איך געשווינט,
יאָג אַריבער הירש און אינד.
— נעם מיך מיט!
— פאַרוואָס ניט?
זעצט זיך ניסעלע און פליט.

איבער באַרג און טאָל,
איבער וואַלד און סטעפּ,
אַזוי לאַנג, אַזוי ווייט
ביז צום בלויען ים.
זאָגט דאָס פערדעלע:
— דאָ איז מיין ברעג.
זעצט ניסעלען אַראָפּ,
טוט אַ וואָרף מיטן קאָפּ
און — צוריק זיין וועג.

שטייט ניסעלע און טראַכט —
מ'הערט ניט אַרום ניט קיין הונט, ניט קיין האָן,
און באַלד ווערט נאַכט,
און וואָס זאָל ער טאָן?
ערשט ער הערט — די לופט שפּאַלט זיך!
הויבט ער די אויגן אויף און זעט — אַ פויגל,
גרויס, שוואַרץ, מיט רויטע פליגלען.
— ווער ביסטו, וואוהין פליסטו?
— איך בין פויגל-פליגל-פלאַמען
פלי אַריבער זיבן ים'ען.
— נעם מיך מיט!
— פאַרוואָס ניט?

זעצט זיך ניסעלע און פליט,
איבערן בלויען ים,
איבערן גילדערנעם ים
איבערן גרינעם ים.
איבערן פּערל ים
איבערן ראָזן,
איבער אַלע זיבן ים'ען זיך געלאָזן.

אויף יענער זייט ים'ען איז נאַכט.

אין דער נאַכט שטייט אַ באַרג, ביזן הימל הויך,
אויפֿן באַרג אַ וואָלקן ליגט,
אין וואָלקן האָט דער פֿויגל ניסעלען אַראָפּגעזעצט.



און, ווי אַ פּלאַם זיך אָנגעצונדן,
און אין איין רגע׳לע פאַרשוואונדן.

ווייל ניסעלע טרינקען, פון וועג פאַרשמאַכט,
פאַלט ער מיטן מיילכל צום וואָלקן צו.
ערשט דער וואָלקן מאַכט:
— ווער בּוסט עס מיר דאָרטן זויגן?
— איך, ניסעלע.
— און ווי אַזוי אַהער פאַרפלויגן?
דערציילט ניסעלע.
זאָגט דער וואָלקן:
— ס׳איז נאַכט, די צייט פון רו.
מאַך דיינע אייגעלאַך צו
און שלאָף.
איך האָף —
מיט אינדערפרי
הויב איך זיך אויף און צי איבער דער וועלט.
פינסטער, די ים׳ען רוישן.
ניסעלע הערט,
ער הערט און חלומט
און ווערט אַנטשלאָפן,
פול זיסן האָפן.

ווען ניסעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט
איז ווייסער טאָג געווען.
ער האָט זיך דערזען
אין דער בלוי, אין דער ריין
איין אינגעלע אין דער הויך אַליין.
ער האָט ניט מורא געהאַט,
דער וואָלקן איז געווען, ווי זילבערשוים,
און שטראַלנדיק דער זוים.

ניסעלע איז געזעסן אויף זיין רוקן,
די פיס אַרונטער, ווי אַ כוואַט ,
און געהאַלטן אין איין קוקן —
ווי עס שווימען אונטן, שווימען
—וועלדער און טייכן און שטעט און פּאַלאַצן,
ניט אויסצוציילן, ניט אָפּצושאַצן,
און שווימען דאָרטן, שווימען
לאַנד אוים — לאַנד איין
אין טייערסטער גילדענער שיין.

אַזוי גייט זיך דער וואָלקן און גייט,
ניסעלע פרייט זיך און פרייט,
ביז ער דערזעט —
די היים ! פון זייער קוימען דער רויך —
— מאַמע, מאַמע ! —
האָט ניסעלע אָנגעהויבן שרייען און וויינען.
— מאַמע, מאַמע !

באַלד איז אין שרעקלאַכן צאָרן
פינסטער דער וואָלקן געוואָרן,
בליצן גענומען
רעש'ן, ברומען,
און אויף טרעפּ פון רעגן־פּאַסן
אויסגעוויקט און אויסגעצוואָגט,
ווי אַ הענדעלע אַ נאַסן,
ניסעלען אַראָפּגעלאָזט —
אויף דער ערד און אויף זיין שטאָט.
ס'האָט אים גאָרניט ניט געשאַדט.



אינהאַלט:

זייט

1. אין שול אַריין — ל. קוויטקאָ — 3
2. אין שול — ב. באַטווויניק — 4
3. מאַרש — י. קאַצענעלסאָן — 6
4. צוויי מאָל צוויי איז פיר — מ. ב. — 7
5. אַ אינגעלע — ז. ווײַנפּער — 11
6. אַ נײַער חבר — פון „שול חבר" — 12
7. אַ גוטע נאַכט — י. ל. פּרץ — 14
8. וואו זשע בין איך — י. שטיינבערג — 16
9. אַ קענגאָרעלע מיט דרײַ טאַשן — י. וואַקסער — 18
10. ציפּ-ציפּ-עמערל — י. פיכמאַן — 22
11. דאָס גאָלדענע הענדעלע — לאה האָפמאַן — 23
12. די מעשה מיטן ווינט — כאַווער פּאַוער — 26
13. פּעטער שנײַער — דוד איינהאָרן — 32
14. אַ מענטש אונטערן שניי — ל. טאָלסטאָי — 33
15. שנייעלאַך — א. שולמאַן — 35
16. צוויי פרעסט — פון ווײַס־רוסיש — קוויטקאָ — 36
17. ניט געשלאָפן — יהואש — 39
18. צום זיידן אויף לאַטקעס — ל. עלבע — 41
19. אַ באָבעטשקע מיט אַ בער — י. ל. כהנס זאַמלונג — 45
20. סטאָליער — י. ל. פּרץ — 47
21. דרײַ בעלי מלאכות — י. קאַצענעלסאָן — 48
22. דער קליינער קוימענקערער — דע אַמיטשיס — 50
23. פורים צו דער סעודה — ל. עלבע — 53
24. אַ נעסט — י. סיגאַל — 58
25. אַ מעשה מיט צוויי ברידער — ל. עלבע — 58
26. פּסח — ל. קוויטקאָ — 62
27. פּסח צום סדר ל. עלבע — 63
28. צוויטשי-צוויטשי — ל. קוויטקאָ — 69
29. דער ערשטער מאַי — ל. עלבע — 70
30. פייגעלאַך, איר הערט — י. ל. פּרץ — 74
31. די דרײַ זומער פייגעלאַך — 75
32. זומער-רעגן — מאַני לייב — 77
33. דער ערשטער אַרויספלי פון די בינען — 78
34. ס'וואונדער אַרבעסל — פון ווײַס־רוסיש — ל. קוויטקאָ 79
35. הענדל קרייער און פיקסל נאַשער — ד. רייכל — 81
36. קען איך ניט פאַרשטיין — יהואש — 85

זייט

37. גרינס אויף שבועות — ל. עלבע — 87
38. ווי עס קומט דער ליבער זומער — פיכמאַן — 92
39. אין ליליען בעכער — פּרץ הירשביין — 93
40. דער שטערנבער — ל. טאָלסטאָי — 96
41. פאַר די הענטלאַך — מאַני לייב — 99
42. הינדעלע און הענדעלע — ברידער גרים — 101
43. מיין שיפעלע — י. ל. פּרץ — 103
44. די קליינע מלכה — פּרץ הירשביין — 105
45. נאָכן זומער — י. קאַצענעלסאָן — 111
46. עס איז געוואָרן האַרבסט — לעבעדיקע קלאַנגען — 112
47. ווינט — א. פעפער — 113
48. דעם זיידנס רעגנשירם — רחל לוריע — 114
49. אויף איין פיסעלע — נח לוריע — 121

בילדער און ציכנונגען

1. אין שול אַריין — נ. קאָזלאָווסקי — 3
2. צוויי מאָל צוויי איז פיר — נ. קאָזלאָווסקי — 7
3. אַ אינגעלע — בילד — 11
4. אַ גוטע נאַכט — נ. קאָזלאָווסקי — 15
5. דאָס גאָלדענע הענדעלע — 26
6. די מעשה מיטן ווינט — נ. קאָזלאָווסקי — 28
7. אַ מענטש אונטערן שניי — נ. קאָזלאָווסקי — 33
8. דריי בעלי מלאכות — נ. קאָזלאָווסקי — 48
9. דער קליינער קוימענקערער — נ. קאָזלאָווסקי — 50
10. דער לייב אין גאָרטן — 57
11. צוויטשי-צוויטשי — נ. קאָזלאָווסקי — 69
12. דריי זומער פייגעלאַך — נ. קאָזלאָווסקי — 76
13. הענדל קרייער און פיקסל נאַשער — נ. קאָזלאָווסקי 82
14. אין ליליען בעכער — נ. קאָזלאָווסקי — 94
15. דער שטערנבער — נ. קאָזלאָווסקי — 97
16. די ווינטמיל — א. גודלמאַן — 100
17. הינדעלע און הענדעלע — נ. קאָזלאָווסקי — 101
18. מיין שיפעלע — נ. קאָזלאָווסקי — 104
19. נאָכן זומער — נ. קאָזלאָווסקי — 111
20. עס איז געוואָרן האַרבסט — נ. קאָזלאָווסקי — 112
21. אויף איין פּיסעלע — נ. קאָזלאָווסקי — 123

אַ פּאָר ווערטער צו די לערער

דער אינהאַלט פון לייען מאַטעריאַל, וואָס גייט אַריין אין דעם ביכל, איז אַ לייכטער און איז צוגעפּאַסט צו דעם געהעריקן קינדערשן עלטער. מיר האָבן בכיון אויסגעמיטן די קליינע לייענשטיקלאַך מיט דעם טענדענציעזן מוסר־השכל, וואָס גייט אַריין אין איין קינדס אויער און גייט אַרויס פון צווייטן. מיר האָבן זיך באַמיט צו געבן אַזאַ לייענשטאָף, וואָס זאָל ניט נאָר מיטן סיפּור המעשה, נאָר אויך מיט זיין קינסטלערישקייט פאַראינ־טערעסירן דאָס קינד.

די אידישע שיינע ליטעראַטור פאַרמאָגט שוין איצט אַ רייכן אומדער־שעפּלאַכן אוצר פון קינסטלערישן וואָרט, וואָס איז צוגעפּאַסט גראָדע פאַר דעם דאָזיקן שול־עלטער. און דעריבער איז דער גרעסטער טייל פון לייענ־שטאָף גענומען געוואָרן פון ערשטן קוואַל.

מיר האַלטן, אַז דער פאַנטאַסטישער עלעמענט אין מעשיות איז ניט שעדלאָך פאַר די קינדער. די אַרומיקע רעאַלע וועלט איז איין גרויס וואונדער פאַרן קינד. די מעשה איז אַ פאַרזעצונג פון דער קינדערשער ווירק־לאַכקייט. מיר האָבן זיך אפילו ניט דערשראָקן, רחמנא לצלן, פאַר מלאכים און פּרינצן אין אייניקע מעשיות. אויב דער דאָזיקער לייען־מאַטעריאַל איז קינסטלעריש, הייסט עס, האָט ער אַ דערציערישן ווערט.

מיר מיינען, אַז דער לערער דאַרף שוין אין סוף פונם ערשטן שול־יאָר באַקענען די קינדער מיט די העברייאישע נקודות און אותיות. מיר געפינען אָבער ניט פאַר נויטיק אויסצוטיילן די העברייאישע ווערטער באַזונדער. זאָלן די קינדער צוגעוואוינען זיך זעלבסטשטענדיק אויסגעפינען די ווערטער, פאַרשרייבן זיי, פירן אַ קאָלעקטיוון העפט מיט העברייאישע ווערטער וכדומה.

די חברים לערער וועלן אָן ספק פריינטלאַך אויפנעמען אויך דאָס ביכל ווי זיי האָבן אויפגענומען דאָס ערשטע ביכל, און מיר דאַנקען פאַרויס פאַר יעדער זאַכלאַכער אָנווייזונג.

די מחברים

יאַנואַר 1927, ניו יאָרק.